*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 1 וואס איז ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס?

ארבעטסלאזיקייט אינשורענס איז צייטווייליגע פארדינסטן פאר בארעכטיגטע ארבעטערס וואס ווערן ארבעטסלאז נישט צוליב זייער אייגענע שולד. ארבעטסלאזע ארבעטערס וואס באקומען ארבעטלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן ווערן אפטמאל אנגערופן "קלעימענטס." איר וועט זעהן אז מיר באנוצן זיך מיט דעם טערמין דורכאויס דעם וועגווייזער און אונזער וועבזייטל.

איר קענט באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר א מאקסימום פון 26 גאנצע וואכן דורכאויס אן איין-יאר טערמין, אנגערופן א "בענעפיט יאר."

אין ניו יארק סטעיט, טוען ארבעטסגעבער באצאלן פאר די בענעפיטן, נישט ארבעטערס. עס ווערן נישט גענומען קיין אראפרעכענונגען פון ארבעטערס' פעיטשעקס פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 2 ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן בארעכטיגונג

אויב איר זענט נישט זיכער צי איר קוואליפיצירט צו באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, זאלט איר זיך סיי ווי איינגעבן וואס פריער. מיר וועלן באשליסן אויב איר זענט בארעכטיגט.

## פאדערונגען צו באקומען בענעפיטן

איר קענט זיך איינגעבן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן (פיילן א קלעים פאר בענעפיטן) אויב איר האט געארבעט אין ניו יארק אדער אן אנדערע סטעיט. כדי צו קענען באקומען בענעפיטן, מוזט איר:

- האבן געהאט פארלוירן ארבעט נישט צוליב אייער אייגענע שולד
- האבן גענוג פריערדיגע פארדינסטן פון באשעפטיגונג צו שאפן א קלעים
- זיין גרייט, ווילig און פעאיג זאפארט צו ארבעטן
- אקטיוו זוכן ארבעט
- האלטן שריפטליכע רעקארדס פון אלע אייער ארבעט זוך אקטיוויטעטן פאר יעדע וואך וואס איר קלעים'ט בענעפיטן אדער נוצן די ארבעט זוך געצייג אויף **dol.ny.gov/jobzone**
- זיך באטייליגן אין פארלאנגטע אפוינטמענטס ביי אייער לאקאלע קאריערע צענטער

## סיבות פארוואס איר קענט ווערן אפגעזאגט בענעפיטן

איר מוזט נאכקומען אלע פאדערונגען לויטן געזעץ צו קענען באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. איר קענט נישט באקומען בענעפיטן אויב איר האט וויניגער ווי די פארלאנגטע ארבעט פאראנגענהייט און ווידזשעס צו באשטימען א קלעים, ווי געשילדערט **אין קאפיטל 4:** *"וויפיל וועל איך באקומען אין בענעפיטן יעדע וואך?"* אנדערע סיבות פארוואס איר קענט ווערן אפגעזאגט רעכענען אריין:

**1. עוועילעביליטי, פעאיגקייט און ארבעט זוך. איר וועט ווערן אפגעזאגט פון בענעפיטן אויב איר זענט:**

- נישט גרייט, ווילig, און פעאיג צו ארבעטן.
- נישט זאפארט גרייט צו אננעמען ארבעט
- נישט פיזיש אדער גייסטיש פעאיג צו ארבעטן
- זוכט נישט אקטיוו ארבעט און האלט נישט רעקארדס פון אייער ארבעט זוך אקטיוויטעטן (אנליין אדער שריפטליך) פאר יעדע וואך וואס איר פאדערט בענעפיטן.

אויב איר זענט נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן ווייל איר זענט נישט אוועילעבל אדער קענט נישט ארבעטן, קענט איר ווערן בארעכטיגט ווען איר ווייזט פאר'ן דעפארטמענט אוו לעיבאר אז איר זענט נאכאמאל אוועילעבל פאר ארבעט, איר קענט ארבעטן און איר זוכט אקטיוו פאר ארבעט, און האלט א רעקארד פון אייער ארבעט-זוך אקטיוויטעטן.

איר מוזט זיך באטייליגן אין פארלאנגטע אפוינטמענטס ביי אייער לאקאלע קאריערע צענטער. אויב איר גייט נישט צו פארלאנגטע אפוינטמענטס, וועלן אייערע בענעפיטן שוין אפגעשטעלט ווערן. די ערשטע זאך וואס איר דארפט טוען איז זאפארט גייען, פערזענליך, צו די ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער אויסגערעכנט אויף אייער אפוינטמענט מעלדונג בשעת יענע צענטער'ס נארמאלע ביזנעס שעות. איר קענט אויך באריכטן דורך רופן יענע קאריערע צענטער און רעדן מיט א דערפארטמענט אוו לעיבאר שטאב פערזאן.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

**2. פריוויליגע אפזאגן און פארלאזן:** איר קענט ווערן אומקוואליפיצירט פון באקומען ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן אויב מיר באשטימען אז:

- איר האט זיך אפגעזאגט פון אייער דזשאב אן א גוטע סיבה, אדער
- איר זענט פארשיקט געווארן פאר אומפאסיגע אויפפירונג

אן אומקוואליפיצירונג פאר די סיבות האלט אן ביז איר ארבעט נאכאמאל און פארדינט כאטש צען מאל אזויפיל ווי די בענעפיט ראטע וואס מיר האבן גערעכנט ווען איר האט איינגעגעבן אייער קלעים. פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט וועט נישט גערעכנט ווערן. איינמאל איר האט פארדינט גענוג פון ארבעט צו ענדיגן די אומקוואליפיצירונג, מוזט איר אויך נאכאמאל זיין ארבעטסלאז נישט צוליב אייער שולד.

אויב איר האט פארלאזט אייער ארבעט פאר א גוטע סיבה, וועט איר נישט זיין אומקוואליפיצירט פון באקומען ארבעטלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן. ביישפילן פון גוטע סיבות שליסן איין:

- א שטוב געוואלדעס מצב וואו אייער זיכערקייט, אדער די זיכערקייט פון אייער פאמיליע, איז ריזיקירט אויב איר וואלט געבליבן ביי די ארבעט
- אויב א מיטגליד פון אייער משפחה האט א קראנקייט אדער דיסאביליטי וואס פארלאנגט אז איר זאלט זיך אפגעבן מיט זיי פאר לענגער ווי אייער ארבעטסגעבער איז מסכים אייך צו געבן צייט פאר דעם (באצאלט אדער אומבאצאלט)
  - "דיסאביליטי" נעמט אריין א גייסטישע און פיזישע דיסאביליטי; פערמענאנטע און צייטווייליגע דיסאביליטי; און טיילווייזע און טאטאלע דיסאביליטי.
- אויב אייער מאן/ווייב'ס ארבעט פלאץ טוישט זיך און איר מוזט מופן מיט זיי צו א פלאץ פון וואו איר קענט נישט גרינגערהייט פארן צו אייער ארבעט
- די דעפארטמענט אוו לעיבאר באשטימט אז אייער געהאלט און/אדער שעות פון ארבעט זענען מערקווירדיג פארמינערט געווארן
- די דעפארטמענט אוו לעיבאר באשטימט אז אייער פריערדיגע ארבעטסגעבער האט נישט אדרעסירט זיכערהייט ריזיקעס

אויב איר האט פארלוירן סיי וועלכע ארבעט אין די לעצטע 18 מאנאטן ווייל איר האט זיך נישט ריכטיג געפירט, קען די געהאלט וואס איר האט פארדינט ביי יענע ארבעט נישט גענוצט ווערן צו קלעימ'ן אדער רעכענען אייער בענעפיט ראטע. דאס קען נעגאטיוו ווירקן אויף אייער בארעכטיגונג פאר בענעפיטן אדער צופירן צו א פארמינערטע בענעפיט ראטע.

אויב איר האט פארלוירן סיי וועלכע ארבעט אין די לעצטע 18 מאנאטן ווייל איר האט זיך אפגעזאגט אן א גוטע סיבה, קענט איר נאכאלס נוצן די געהאלט וואס איר האט פארדינט ביי יענע ארבעט צו באשטימען א קלעים אדער צו רעכענען אייער בענעפיט ראטע, אויב איר האט פארדינט צען מאל אייער בענעפיט ראטע נאך יענע ארבעט האט זיך געענדיגט אדער איר זענט נאכאמאל ארבעטסלאז נישט צוליב אייער שולד.

- **ביישפיל A:** איר זענט ארבעטסלאז ווייל איר האט זיך אפגעזאגט פון אייער לעצטע ארבעט פאר פערזענליכע סיבות. איר געבט איין א קלעים פאר ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן און אייער בענעפיט ראטע איז $400. אבער, וויאזוי איר זענט ארבעטסלאז ווייל איר האט זיך אפגעזאגט פון אייער לעצטע ארבעט אן א סיבה, זענט איר אומקוואליפיצירט פון באקומען בענעפיטן. איר וועט נישט קענען אוועקשטעלן א קלעים ביז איר ארבעט און פארדינט כאטש $4,000 ($400 מאל צען) פון נייע ארבעט און איר זענט נאכאמאל ארבעטסלאז נישט צוליב אייער שולד.
- **ביישפיל B:** איר געבט איין א קלעים פאר בענעפיטן און אררייער בענעפיט ראטע איז $400. איר זענט ארבעטסלאז ווייל מען האט אייך אפגעזאגט פון אייער לעצטע פאסטן, פאסטן א', וואו איר האט געארבעט פאר דריי מאנאטן. פאר איר האט געארבעט ביי ארבעט א' האט איר געארבעט פאר אן אנדערע ארבעטסגעבער, ארבעט ב', פאר זעקס מאנאטן. איר האט נאר געארבעט ביי ארבעט א' און ארבעט ב' אין די לעצטע 18 מאנאטן. ארבעט ב' האט אייך פארשיקט פאר אומפאסיגע אויפפירונג. דערפאר, קען די געהאלט וואס איר האט פארדינט ביי ארבעט ב' נישט גענוצט ווערן צו קלעימ'ן אדער רעכענען אייער בענעפיט ראטע. מיר וועלן נאר רעכענען אייער געהאלט פון ארבעט א' צו באשטימען אייער בארעכטיגונג און רעכענען אייער בענעפיט ראטע.
- **ביישפיל C:** איר געבט איין א קלעים פאר בענעפיטן און אררייער בענעפיט ראטע איז $400. איר זענט ארבעטסלאז ווייל מען האט אייך אפגעזאגט פון אייער לעצטע ארבעט, ארבעט א'. איר האט געארבעט ביי ארבעט א' פאר דריי מאנאטן און פארדינט $6,000. פאר איר האט געארבעט ביי ארבעט א' האט איר געארבעט פאר אן אנדערע ארבעטסגעבער, ארבעט ב', פאר זעקס מאנאטן. ארבעט ב' האט זיך געענדיגט ווייל איר האט זיך אפגעזאגט פאר פערזענליכע סיבות. וויבאלד איר האט פארדינט מער ווי צען מאל אייער בענעפיט ראטע ($4,000 = 10 x $4,000) ביי ארבעט א', וועט איר זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן. די געהאלט וואס איר האט פארדינט ביי ארבעט ב' קען גענוצט ווערן צו קלעימ'ן אדער רעכענען אייער בענעפיט ראטע טראצדעם וואס איר האט זיך אפגעזאגט אן א סיבה פון ארבעט ב'.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

**3. ארבעט אפזאגונג:** איר קענט אויך ווערן אומקוואליפיצירט פון באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, אויב נאכ'ן זיך איינגעבן, זאגט איר זיך אפ פון אננעמען אן ארבעט וואס קומט נאך די באדינגונגען געשילדערט **אין קאפיטל 7:** ***"וועלכע סארט ארבעט דארף איך זוכן? קען איך אפזאגן אן ארבעט ווייל די געהאלט איז צו ווייניג?"***

איר טארט זיך נישט אפזאגן פון א פאסטן פאר וואס איר זענט קוואליפיצירט אן א גוטע סיבה. ביישפילן פון גוטע סיבות זענען:

- דער ארבעט וואלט געשטערט אייער רעכט צו אנטיילנעמען אדער אנהאלטן מיטגלידערשאפט אין א לעיבאר ארגאניזאציע, אדער געשטערט אדער פארלעצט א קאלעקטיווע בארגענינג צושטימונג
- עס איז דא א סטרייק, לאקאוט, אדער אנדערע אינדוסטריעל געפעך אינעם פאראיין וואו די ארבעט ווערט צוגעשטעלט
- די ארבעט איז גאר ווייט פון אייער וואוינונג, אדער רייזן צו און פון די ארבעט איז מערקווירדיג מער טייער ווי עס האט זיך פארלאנגט פאר אייער פריערדיגע ארבעט
- די געהאלט, פארגיטיגונג, שעות, אדער אומשטענדן זענען מערקווירדיג ווייניגער ווערד ווי דאס וואס ענדליכע ארבעט אינעם ארט שטעלן צו אדער זענען אזילכע וואס פארמינערן די געהאלט אדער ארבעט אומשטענדן.
- איר האט מערסטנס געארבעט פארט-טיים אין די 18 מאנאטן פאר איר האט איינגעגעבן אייער קלעים, און די פארגעשלאגענע ארבעט איז נישט ענדליך צו אייער פארט-טיים ארבעט.

**4. סטרייק און אנדערע אינדוסטריעל געפעך אויסער לאקאוטס:** אויב איר פארלירט אייער ארבעט צוליב א לעיבאר געפעך אזויווי א סטרייק, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אין אלגעמיין מוז א סטרייק אנהאלטן פאר כאטש 14 טעג פאר איר זענט בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן. דאס רופט זיך אן א סוספענשאן טערמין. דער סוספענשאן טערמין גילט נישט אויב איר זענט אויסגעשפארט פון אייער ארבעטספלאץ צוליב א לעיבאר געפעך. איר קענט זיין בארעכטיגט פריער אויב:

- די לעיבאר געפעך ענדיגט זיך און איר זענט נאך ארבעטסלאז, אדער
- אייער ארבעטסגעבער נעמט אויף שטענדיגע ערזעצונג ארבעטערס

**5. קרימינאלע אקטן:** איר וועט זיין אומקוואליפיצירט פון באקומען בענעפיטן פאר 12 מאנאטן נאך איר פארלירט אייער ארבעט, צי איר זאגט זיך אפ אדער ווערט אפגעזאגט, אויב איר:

- פארלירט אייער ארבעט ווייל איר האט אויסגעפירט א פעלאני פארבינדן מיט אייער ארבעט, און
- האט מודה געווען צו שולד אין אן אונטערגעשריבענע דערקלער אדער מען האט אייך געפינען שולדיג פון א פעלאני

אין צוגאב דערצו, וועידזשעס געצאלט צו אייך פאר ארבעט וואס האט זיך געענדיגט אין קרימינאלע טאטן קענען נישט גענוצט ווערן צו שאפן א קלעים.

**6. איינשפארונג:** אויב איר זענט אין טורמע אדער תפיסה, זענט איר נישט אווילעבל זאפארט צו אננעמען ארבעט. דערפאר זענט איר נישט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורעס בענעפיטן.

אויך איז עס קעגן די געזעץ פאר אייך צו ערלויבן אדער אנזאגן סיי וועמען צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן פאר אייך דערוויל וואס איר זענט איינגעזעצט.

עס קענען זיין אנדערע, ווייניגער באקאנטע אומשטענדן וואס קענען אייך צוריקהאלטן פון זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אזעלכע ווערן אויסגעשמועסט **אין קאפיטל 11:** ***"ספעציעלע סיטואציעס".***

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 3 באקומען אייערע בענעפיטן: אייער NY.GOV ID ,PIN, דירעקט דעפאזיט און דעם דעביט קארטל

## מאכן אייער פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער (PIN)

אויב איר האט איינגעגעבן אייער קלעים אויפ'ן טעלעפאן, האט מען אייך אנגעזאגט צו מאכן א פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער, אדער PIN. עס איז וויכטיג אז איר זאלט געדענקען אייער PIN. איר וועט עס נוצן ווען איר:

- רופט דעם טעלעפאן קלעימס צענטער* צו פרעגן פראגעס וועגן אייער וועכנטליכע בענעפיטן, אדער
- צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטן) דורך נוצן טעל-סערוויס

אויב איר האט פארגעסן אייער PIN אדער איר מיינט אז נאך איינער קען וויסן אייער PIN, קענט איר עס איבערמאכן דורך רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער.* וועלט אויס די מעניו אויסוואל "פאר PIN אדער אדרעס טוישונגען" (For PIN or address changes).

## מאכן אייער NY.gov ID

אויב איר וועלט אויס צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטס) אויף אונזער וועבזייטל, וועט איר דארפן מאכן און נוצן א NY.gov ID. דאס איז אנדערש פון די PIN וואס איר מאכט ווען איר גיבט איין א קלעים. מיט א NY.gov ID, קענט איר קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן און באקומען אנדערע אינפארמאציע וועגן אייערע בענעפיטס אויף אונזער וועבזייטל. איר קענט אויך פרעגן א ספעציפישע פראגע וועגן אייער קלעים דורך א פארזיכערטע מעסעדזש. אייער NY.gov ID קען אויך גענוצט ווערן צו צוקומען צו סערוויסעס צוגעשטעלט דורך אנדערע ניו יארק סטעיט אגענטורן. אנווייזונגען פאר שאפן א NY.gov ID זענען אויף אונזער וועבזייטל אויף **labor.ny.gov/signin**. אויב איר האָט שוועריקייטן מיט'ן מאכן אייער NY.gov ID, ביטע זעט די אילוסטרירטע אנווייזונגען אויף די סיין-אין בלאט, קוקט איבער די NY.gov אפט געפרעגטע פראגעס, אדער רופט **800-833-3000** מאנטאג ביז פרייטאג, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג. ביטע רופט נישט די טעלעפאן קלעימס צענטער* מיט NY.gov ID פראבלעמען, זיי קענען נישט העלפן מיט טעכנאלאגישע פראבלעמען.

**וויכטיג: ערלויבן איינעם צו באקומען בענעפיטן אדער האבן צוטריט צו אייער קלעים דורך נוצן אייער PIN, אייער NY.gov ID אדער אייער NY.gov פאסווארד איז אן ערנסטע פארלעצונג.** עס קען צופירן צו שטרענגע שטראפן אריינגערעכנט קרימינאלע אנקלאגע און איינזעצונג. איר קענט אויך פארלירן ביז 20 וואכן פון בענעפיטן. **זאגט נישט אויס אייער PIN, אייער NY.gov ID און אייער NY.gov פאסווארד.** שרייבט זיי נישט אראפ וואו אנדערע קענען זיי זעהן. אייער PIN, אייער NY.gov ID און אייער NY.gov פאסווארד זענען אייער עלעקטראנישע אונטערשריפטן. זיי זענען זיכערהייט מאסנאמען וואס פארזיכערן אז קיינער אויסער אייך קען קלעימ'ן און באקומען אייערע ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אדער זעהן אייער פריוואטע קלעים אינפארמאציע. איר זענט פאראנטווארטליך צו פארזיכערן אייער NY.gov ID ,PIN און NY.gov ID פאסווארט.

די איינציגע אויסנאם איז אויב איר דארפט א העלפער צו איינגעבן אדער סערטיפייען פאר בענעפעטס, צום ביישפיל אויב איר האט א דיסאביליטי אדער שפראך פראבלעם. **אויב איר קענט נישט אריינלייגן אייער אייגענע PIN, אדער NY.gov סימנים, קענט איר האבן א העלפער וואס זאל עס אריינלייגן פאר אייך. אבער, איר מוזט דארט זיין מיט אייער העלפער ווען זיי לייגן אריין אייער פאסווארד אדער PIN. באמערקונג: קלעימענטס ווערן נישט פארלאנגט צו נוצן א העלפער פאר סיי וועלכע סערוויסעס דורך די דעפארטמענט און לעיבאר, אריינגערעכנט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס. איר קענט באקומען דאלמעטשונג סערוויסעס פריי פון אפצאל.**

אויב איר האט פארגעסן אייער NY.gov ID יוזערנעים אדער פאסווארד אדער אויב איר מיינט אז נאך איינער ווייסט זיי, קענט איר זיי איבערמאכן סיי ווען. פאלגט נאך די אנווייזונגען צו איבערמאכן אייער NY.gov ID יוזערנעים און פאסווארד אויף **labor.ny.gov/signin** אדער רופט **800-833-3000** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג מאנטאג ביז פרייטאג פאר הילף.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

אויב איר האט איינגעגעבן אייער קלעים אנליין אבער איר ווילט שפעטער רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער* וועגן אייער קלעים אדער קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן אויפ'ן טעלעפאן נוצנדיג טעל-סערוויס, וועט איר ווערן געבעטן צו מאכן א PIN. איר וועט ווערן געבעטן צו אריינלייגן א פיר-ציפער PIN און דאן וועט איר ווערן געבעטן צו באשטעטיגן דעם PIN דורך נאכאמאל אריינלייגן די פיר ציפערן.

**וויכטיג: ווען איר מאכט אייער NY.gov ID, ביטע מאכט זיכער אז די אימעיל אדרעס וואס איר וועלט אויס ווערט נישט גענוצט דורך א צווייטע מענטש מיט א NY.gov ID אקאונט.** א NY.gov ID קען ווערן פארבינדן נאר מיט איין אימעיל אדרעס. צום ביישפיל, אויב איר און אייער מאן/ווייב נוצן איין אימעיל אדרעס און אייער מאן/ווייב האט שוין א NY.gov ID מיט יענע אימעיל אדרעס, וועט איר דארפן נוצן אן אנדערע אימעיל אדרעס פאר אייער NY.gov ID. מאכט זיכער צו נוצן אן אימעיל אדרעס וואס איר באקוקט כסדר. דורך זיך איינשרייבן פאר אנליין סערוויסעס, שטימט איר צו צו באקומען מעסעדזשעס פון אונז דורך די פארזיכערטע מעסעדזש סיסטעם אין אייער NY.gov אקאונט. ווען מיר שיקן אייך א פארזיכערטע מעסעדזש, וועלן מיר אויך שיקן א מעלדונג צו אייער פערזענליכע אימעיל אדרעס. איר מוזט זיך דאן אריינשרייבן אין אייער NY.gov אקאונט צו זעהן די מעסעדזש.

איר מוזט באקוקן און ענטפערן צו פארזיכערטע מעסעדזשעס און פראגע בויגנס וואס מיר שיקן אייך דורך די NY.gov פארזיכערטע מעסעדזש סיסטעם. איר מוזט ענטפערן אלע מעסעדזשעס, בויגנס און בריוון אינערהאלב די צייט אפשניטן אנגעמערקט אין די מעסעדזשעס. עס איז אייער פליכט צו באקוקן אייער פערזענליכע אימעיל און אייער NY.gov אקאונט צו מאכן זיכער איר פארפאסט נישט אונזער מעסעדזשעס. לייגט צו **noreply@labor.ny.gov** צו אייערע קאנטאקטס צו מאכן זיכער אז אונזערע אימעילס גייען נישט צו אייער דזשאנק טעקע.

***ביטע באמערקט:*** *פאפיר קאפיעס פון פארזיכערטע אנליין מעסעדזשעס וועלן נישט געשיקט ווערן צו אייך.*

## באשטימען אייער מעטאד פון באצאלן

אויב איר האט זיך איינגעגעבן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנליין, האט מען אייך געפרעגט צי איר ווילט באקומען אייערע בענעפיטן דורך דירעקט דעפאזיט אדער מיט א דעביט קארטל. אויב איר האט זיך איינגעגעבן אויפן טעלעפאן, וועט איר אויטאמאטיש באקומען אייערע בענעפיטן דורך א דעביט קארטל, סיידן איר האט געהאט א פריערדיגע קלעים און איר האט עס באקומען דורך דירעקט דעפאזיט. אויב בענעפיטן פון אייער פריערדיגע קלעים זענען געצאלט געווארן דורך דירעקט דעפאזיט, וועלן מיר ווייטער דעפאזיטן די בענעפיטן אינעם באנק אקאונט וואס מיר האבן אינעם טעקע. אויב אייער באנק אקאונט האט זיך געטוישט, ביטע דערהיינטיגט די אינפארמאציע אויפ'ן וועבזייטל זאפארט. מיר געבן נישט ארויס קיין בענעפיטן דורך א טשעק. דא איז וואס איר דארפט וויסן וועגן דירעקט דעפאזיט און דעביט קארטלעך.

## דירעקט דעפאזיט

דירעקט דעפאזיט מיינט דירעקט דעפאזיטן אייערע בענעפיטן אין אייער טשעקינג אקאונט. אין אלגעמיין, איינמאל דירעקט דעפאזיט איז אוועקגעשטעלט, ווערן בענעפיטן אריינגעלייגט אין אייער טשעקינג אקאונט אינערהאלב דריי ביזנעס טעג נאך באצאלונגען ווערן ארויסגעלאזט דורך די דעפארטמענט אוו לעיבאר. איר קענט זיך רעגיסטרירן פאר דירעקט דעפאזיט ווען איר געבט איין א קלעים אויף אונזער וועבזייט אויף **labor.ny.gov/signin** אדער קענט איר טוישן צו דירעקט דעפאזיט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפיידט פאר בענעפיטס) אנליין. שרייבט זיך אריין צו אייער אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. קליקט אויפן "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס" (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט. קליקט אויף "דערהיינטיג אייער פערזענליכע אינפארמאציע" (Update Your Personal Information). קליק אויף דערהיינטיג/רעגיסטריר פאר דירעקט דעפאזיט" (Update/Register for Direct Deposit). **וויכטיג: איר קענט זיך נישט רעגיסטרירטן פאר אדער טוישן צו דירקעט דעפאזיט דורך רופן די טאלעפאן קלעימס צענטער* אדער ווען איר קלעימט וועכנטליכע בענעפיטן דורכ'ן טעלעפאן נוצנדיג אונזער טעל-סערוויס סיסטעם.**

איינמאל איר האט זיך רעגיסטרירט פאר דירעקט דעפאזיט, וועט עס בלייבן אין קראפט ביז די ענדער פון אייער קלעים, סיידן איר טוישט אדער האקט עס אפ. פאר אייער שוץ, אויב איר פייל'ט נאך אן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס קלעים אינעם צוקונפט, וועט איר זיך דארפן נאכאמאל רעגיסטרירן פאר דירעקט דעפאזיט.

אויב איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן אנליין, וועט איר אלעמאל זען אינפארמאציע וועגן דירעקט דעפאזיט אויפ'ן באשטעטיגונג בלאט, אפילו אויב איר וועלט אויס צו באקומען אייער באצאלונג דורך א דעביט קארטל ווען איר געבט איין אייער קלעים. דאס איז וייל איר האט אלעמאל די אויסוואל צו אנהויבן אדער אפשטעלן דירעקט דעפאזיט. עס ערלויבט אייך אויך צו דערהיינטיגן אייער דירעקט דעפאזיט אינפארמאציע אויב איר טוישט באנק אינסטיטוציעס אדער אייער באנק אינפארמאציע טוישט זיך.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

זיך צו רעגיסטרירן פאר אדער צו טוישן צו דירעקט דעפאזיט וועט איר דארפן האבן א טשעק צו די האנט. לייגט אריין די **באנק ראוטינג נומער** און **טשעקינג אקאונט נומער** אזוויי עס שטייט אויף אייער טשעק. דער בילד אונטן צייגט וואו אויף'ן טשעק צו געפינען די נומערן. **וויכטיג: נוצט נישט א טשעקינג אקאונט דעפאזיט סליפ פאר אייער באנק'ס ראוטינג נומער אדער אייער אקאונט נומער.** די סליפס קענען האבן נומערן וואס האבן נישט צו טון מיט דירעקט דעפאזיט. אויב אייער באנק אינסטיטוציע האט זיך לעצטנס צוזאמגעפארט, קען זיין אז אייער באנק ראוטינג נומער און טשעקינג אקאונט נומער האבן זיך געטוישט. פארבינדט זיך מיט אייער באנק צו באקומען די נייע ראוטינג און אקאונט נומערן פאר איר רעגיסטרירט זיך פאר דירעקט דעפאזיט.




**באמערקונג:** די ראוטינג און אקאונט נומערן קענען זיין אויף אנדערע פלעצער אויף אייער טשעק

**וויכטיג: ביטע מאכט זיכער אריינצולייגן אייער טשעקינג אקאונט אינפארמאציע ריכטיג.** אויב איר לייגט נישט אריין אייער אינפארמאציע ריכטיג, קענען אייערע בענעפיט באצאלונגען שפעטיגן פאר 14 ביז 21 טעג. אויב, ביטע פרינט א קאפיע פון די דירעקט דעפאזיט אינפארמאציע איבערזיכט בלאט פאר איר קליקט אויף די "סאבמיט" (submit) לינק. דאס איז אייער אייניציגע באווייז פון די אקאונט אינפארמאציע וואס איר האט אריינגעלייגט. איר וועט דארפן די באווייז אויב עס מאכן זיך סיי וועלכע פראבלעמען מיט אייער טשעקינג אקאונט אינפארמאציע.

נאך מיר באקומען אייער נייע אדער דערהיינטיגטע אקאונט נומערן, געדויערט עס בערך פינעף ביזנעס טעג צו שאפן דירעקט דעפאזיט און שיקן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן עלעקטראניש צו אייער טשעקינג אקאונט. דאס גילט צו איר רעגיסטרירט זיך פאר א נייע אקאונט אדער טוישט עקזיסטירנדע אקאונט אינפארמאציע. אויב איר האט א דעביט קארטל, שיקן מיר אייערע וועכנטליכע בענעפיטן צו אייער קארטל אין די צייט. איינמאל איר שאפט דירעקט דעפאזיט, זאלט איר באשטעטיגן אז די בענעפיטן זענען אין אייער אקאונט פאר איר שרייבט טשעקס קעגן די געלטער.

איר קענט נישט נוצן דירעקט דעפאזיט אויב איר נעמט אנטייל אין די פאלגנדע פראגראמען:

- אנדערע אדער ווידער-אויפנעמונג האנדל אדזשאסטמענט אלאוענסעס Alternate or Reemployment Trade) (Adjustment Allowances, ATAA/RTAA
- האנדל ריאדזשאסטמענט ערלויבעניש (TRA), אדער
- אומגליק ארבעטסלאזיקייט הילף (DUA)

אבער, אויב איר רעגיסטרירט זיך פאר דירעקט דעפאזיט דערווייל וואס איר באקומט אלגעמיינע ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, וועט זיך עס ווייטער אנזאמלען אונטער איינער פון די פראגראמען.

איר קענט זיך רעגיסטרירן אדער טוישן אייער דירעקט דעפאזיט אינפארמאציע אנליין:

- מאנטאג ביז פרייטאג, 7:30 אינדערפרי ביז מיטלנאכט, און
- שבת און זונטאג, א גאנצן טאג

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## קענסלען דירעקט דעפאזיט

איר קענט אפשטעלן דירעקט דעפאזיט דורך אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. וועלט אויס "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס" (Unemployment Services) אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט. דאס ברענגט אייך צו די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אנליין בלאט. קליקט אויף "דערהיינטיג אייער פערזענליכע אינפארמאציע" (Update Your Personal Information). קליקט אויף "דערהיינטיג/רעגיסטריר פאר דירעקט דעפאזיט" (Update/Register for Direct Deposit). צייכענט די "קענסל דירעקט דעפאזיט" (Cancel Direct Deposit) קעסטל נעבן די ענדע פונעם דירעקט דעפאזיט אינפארמאציע בלאט. מיר וועלן דערהיינטיגן אונזערע רעקארדס און אפשטעלן די עלעקטראנישע אריבערפירונג פון אייער וועכנטליכע בענעפיטן צו אייער טשעקינג אקאונט.

אייער וועכנטליכע בענעפיטן וועלן דאן ווערן דעפאזיטעד צו אייער Way2Go דעביט קארטל.

- אויב איר האט קיינמאל נישט געהאט א דעביט קארטל, וועט איינס ווערן געשיקט צו אייך אוטאמאטיש אין אן איינפאכע ווייסע קאנווערט ארום זיבען ביז צען טעג נאך איר קלעים'ט אייער נעקסטע וועכנטליכע בענעפיטן.
- אויב איר האט פריער געהאט א Way2Go דעביט קארטל און עס איז אויסגעלאפן אדער האט זיך פארלוירן, מוזט איר זיך פארבינדן מיט די Way2Go פראגראם קאסטומער סערוויס אויף **844-649-9845**.

## דעביט קארטל

א Way2Go דעביט קארטל איז א דעביט MasterCard. עס ערלויבט אייך צו ארויסנעמען אייערע בענעפיטן פון אן ATM (אוטאמיטשע טעלער מאשין) און איינקויפן וואו MasterCard ווערט אנגענומען. נאר די דעפארטמענט אוו לעיבאר קען דעפאזיטן געלט אריין אין אייער דעביט קארטל אקאונט. דער קארטל וועט אוטאמאטיש געשיקט ווערן צו אייך ווען איר שרייבט זיך איין פאר דירעקט דעפאזיט.

דער דעביט קארטל וועט ווערן געשיקט צו אייך אוטאמאטיש ארום זיבען ביז צען טעג נאך איר ווערט באשטעטיגט צו באקומען בענעפיטן. פאר זיכערהייט סיבות, וועט איר באקומען אייער דעביט קארטל אין אן איינפאכע ווייסע קאנווערט. ביטע קוקט ארויס דערפאר און **ווארפט עס נישט אוועק**, אפילו אויב איר האט זיך איינגעשריבן פאר דירעקטע דעפאזיט אויף דערוויל. ווען איר באקומט די קארטל, גייט צו שווין **GoProgram.com** אדער רופט Way2Go פראגראם קאסטומער סערוויס אויף **844-649-9845** עס צו אקטיוויזירן. אדער קענט איר דאונלאוד'ן די Way2Go קארטל מאביל עפפ פון די עפל עפפ סטאר אדער גוגל פלעי סטאר און דארט אקטיוויזירן אייער קארטל.

אלס טייל פון די אקטיוויזירן פראצעדור, וועט איר זיין געפאדערט צו מאכן א PIN פאר אייער קארטל. אייער PIN איז א פיר-ציפער נומער וואס איר וועט אריינלייגן אויפ'ן קי-פעד ביי ATM'ס און ריטעיל ערטער. אייער דעביט קארטל PIN איז פאר אן אנדערע צוועק ווי די PIN וואס איר האט געמאכט ווען איר האט איינגעגעבן אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס קלעים, וואס איז אויך א פיר-ציפער נומער. פאר זיכערהייט סיבות, נוצט אן אנדערע פיר-ציפער נומער פאר אייער דעביט קארטל PIN און אייער ארבעטלאזיקייט אינשורענס PIN.

אייער דעביט קארט אקאונט באלאנס אינפארמאציע איז נישט אוועילעבל צום דעפארטמענט אוו לעיבאר. איר קענט באקוקן אייער אקאונט באלאנס אומזיסט ביי אלע Allpoint און MoneyPass ATMs, דורך רופן Way2Go פראגראם קאסטומער סערוויס אויף **844-649-9845**, נוצן די Way2Go קארטל מאבייל עפפ, אדער דורך גיין צו די Way2Go פראגראם וועבזייטל אויף **GoProgram.com**. איר קענט אויך זען אייער חודש'ליכע סטעיטמענטס אויף אייער Way2Go פראגראם וועבזייטל און די Way2Go קארטל מאבייל עפפ. איר קענט אויסוועלן צו באקומען פאפיר סטעיטמענטס אויף פאסט, אבער די Way2Go פראגראם וועט בעטן געלט פאר דעם סערוויס.

אייער דעביט קארטל איז גילטיג פאר פינעף יאר און וועט גענוצט ווערן פאר יעצטיגע און מעגליכע צוקונפטיגע קלעימס. אפילו אויב איר באקומט נישט יעצט בענעפיטן, האלט דעם קארטל אין א פארזיכערטע פלאץ. אויב איר באקומט שפעטער ארבעטלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, וועט די זעלבע דעביט קארטל PIN וואס איר האט אריגינעל געמאכט נאכאמאל אקטיוויזירן אייער קארטל. אויב איר האט נישט גענוצט א קארטל פאר פינעף יאר אדער אויב איר געבט איין א נייע קלעים נאך פינעף יאר, רופט Way2Go פראגראם קאסטומער סערוויס אויף **844-649-9845** צו בעטן א נייע קארטל. דעפארטמענט אוו לעיבאר שטאב קענען נישט ערזעצן אדער בעטן א נייע קארטל פאר אייך.

## פארלוירענע אדער גע'גנב'טע דעביט קארטל

אויב איר פארלירט אייער דעביט קארטל אדער עס ווערט גע'גנב'עט, רופט Way2Go פראגראם קאסטומער סערוויס זאפארט אויף **844-649-9845** עס צו באריכטן און בעטן א נייע קארטל.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 1220-662 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 4 וויפיל בענעפיטן וועל איך באקומען יעדע וואך?

נוצט אונזער אנליין בענעפיט ראטע קאלקולעיטאר אויף **labor.ny.gov/benefit-rate-calculator** צו שאצן אייער וועכנטליכע בענעפיטן. **באמערקונג:** דער קאלקיולעיטאר געבט **בלויז** א שאצונג. עס טוט נישט פארזיכערן אז איר וועט זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן אדער א ספעציפישע סכום פון בענעפיטן. איר מוזט אריינגעבן אן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס קלעים צו אויסגעפינען אויב איר זענט בארעכטיגט און געוואר ווערן וועגן אייער ווירקליכע בענעפיט סומע.

## פארשטייען אייער "באזע טערמין"

אייער וועכנטליכע ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיט באצאלונג סומע ווענדט זיך אויף וויפיל איר זענט באצאלט געווארן דורכאויס אייער "באזע טערמין." א באזע טערמין שטעלט פאר איין יאר פון אייער ארבעט און ווערדזשעס (פיר לוח פערטלעך). לוח פערטלעך זענען די דריי-מאנאט טיילן פון צייט געצייגט אינעם טאוול אונטן. ווערדזשעס געצאלט אין אייער באזע טערמין ווערן גענוצט צו רעכענען אייער בענעפיט ראטע. ווערדזשעס ווערן גערעכנט באזירט אויף די פערטל פונעם באצאל דאטום, נישט די באצאלונג טערמין. אייער בענעפיט ראטע איז די סומער געלט וואס איר קענט באקומען אויב איר זענט בארעכטיגט פאר א פולע וואך פון ארבעטלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

עס זענען דא צוויי סארטן באזע טערמינען געצייגט אינעם טאוול אונטן. די **עיקר באזע טערמין** איז די **ערשטע פיר** פון די **לעצטע פינעף** פארענדיגטע לוח פערטלעך פאר די פערטל אין וואס איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן. אויב איר האט גענוג ווערדזשעס אין אייער עיקר באזע טערמין, נוצן מיר עס ווען מיר רעכענען אייער בענעפיט באצאלונג.

### וויאזוי באזע טערמינען ארבעטן

בלויז א ביישפיל. אייער ווירקליכע פערטלעך קענען זיין אנדערש פון די וואס ווערן דא געצייגט.

<table dir="rtl">
<tr><th colspan="4">פריערדיגע יאר</th><th colspan="2">יעצטיגע יאר</th></tr>
<tr><td>ערשטע פערטל<br>יאנואר 1 -<br>מערץ 31</td><td>צווייטע פערטל<br>אפריל 1 -<br>יוני 30</td><td>דריטע פערטל<br>יולי 1 -<br>סעפטעמבער 30</td><td>פערטע פערטל<br>אקטאבער 1 -<br>דעצעמבער 31</td><td>פיפטע פערטל<br>יאנואר 1 -<br>מערץ 31</td><td rowspan="3">פערטל וואס איר האט איינגעגעבן פאר בענעפיטן<br>אפריל 1 - יוני 30</td></tr>
<tr><td colspan="4">עיקר באזע טערמין<br>געהאלט וואס איר זענט באצאלט געווארן דורכאויס די פיר פערטלעך זענען אייער עיקר באזע טערמין.</td><td></td></tr>
<tr><td></td><td colspan="4">אנדערע באזע טערמין<br>געהאלט וואס איר זענט באצאלט געווארן דורכאויס די פיר פערטלעך זענען אייער אנדערע באזע טערמין.</td></tr>
</table>

אויב איר האט נישט גענוג ווערדזשעס אין אייער עיקר באזע טערמין, נוצן מיר אייער **אנדערע באזע טערמין** צו רעכענען אייער בענעפיט באצאלונג. די אנדערע באזע טערמין איז די לעצטע פיר פארענדיגטע לוח פערטלעך פאר די פערטל אין וואס איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן. **וויכטיג: אויב איר האט גענוג ווערדזשעס אין אייער עיקר באזע טערמין, טוען מיר נישט אויטאמאטיש קוקן צו זען אויב אייער בענעפיט ראטע וואלט געווען העכער אויב מען וואלט גענוצט אייער אנדערע באזע טערמין.** אויב איר מיינט אז אייער בענעפיט באצאלונג וועלט געווען העכער אויב מיר וואלטן גענוצט אייער אנדערע באזע טערמין, קענט איר אונז בעטן צו נוצן אייער אנדערע באזע טערמין צו רעכענען אייער בענעפיט סומע.

אבער, אויב איר וועלט אויס צו נוצן די אנדערע פערטל ווערדזשעס פאר אייער יעצטיגע קלעים, קענט איר נישט נאכאמאל נוצן די ווערדזשעס אינעם צוקונפט. דאס קען אפעקטירן אייער מעגליכקייט צו קוואליפיצירן פאר א צוקונפטיגע קלעים. פאר מער אינפארמאציע ביטע זעהט*"בעטן א בענעפיט ראטע רעכענונג באזירט אויף אן אנדערע באזע טערמין"* **אין קאפיטל 4.**

**פאר יעדע באזע טערמין, רעכנט מען נישט די פערטל אין וואס איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן אלס טייל פון אייער באזע טערמין.** דאס מיינט אז די געהאלט באצאלט צו אייך אינעם פערטל אין וואס איר געבט זיך איין וועלן נישט גענוצט ווערן צו רעכענען אייער בענעפיט ראטע.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## פאַרדינסטן פאַרלאַנגט צו קוואַליפיצירן פאַר בענעפיטן

צו קוואַליפיצירן פאַר בענעפיט, מוזט איר נאָכקומען **אַלע דריי** פון די פאָלגנדע פאַרדינסט פאָדערונגען דורכאויס די באַזע טערמין (עיקר אָדער אַנדערע):

- איר מוזט האָבן געאַרבעט און באַצאָלט געוואָרן וועידזשעס ביי פאַסטנס געדעקט דורך אַרבעטסלאָזיקייט אינשורענס אין כאָטש צוויי לוח פערטלעך
- פאַר קלעימס איינגעגעבן אין 2024, מוזט איר האָבן באַקומען באַצאָלט כאָטש $3,300 אין איין לוח פערטל, און
- די סך הכל וועידזשעס באַצאָלט צו אייך מוז זיין כאָטש 1.5 מאָל די סומע געצאָלט צו אייך אין אייער הויכע פערטל
  - אייער הויכע פערטל איז די פערטל פון אייער באַזע טערמין אין וואָס איר זענט באַצאָלט געוואָרן די מערסטע געלט. אויסנאַם: אויב אייער הויכע פערטל וועידזשעס זענען געווען $11,088 אָדער מער, מוזט איר האָבן באַקומען באַצאָלט כאָטש $5,544 (האַלב פון $11,088) סך הכל אין די אַנדערע דריי פערטלעך פון אייער באַזע טערמין. ביישפּיל: הויכע פערטל פאַרדינסטן זענען געווען $4,000. איר מוזט האָבן באַקומען באַצאָלט כאָטש $6,000 ($4,000 x 1.5 = $6,000) סך הכל פאַר אַלע פיר פערטלעך פון אייער באַזע טערמין.

**ביטע באַמערקט:** צו באַקומען בענעפיטן, מוזט איר אויך האָבן פאַרלוירן אייער פאַסטן נישט צוליב אייער אייגענע שולד, זיין גרייט, וויליג, און פעאיג צו אַרבעטן, און אַקטיוו זוכן אַרבעט.

## וויאַזוי מיר רעכענען אייער וועכנטליכע בענעפיט ראַטע

אויב איר זענט באַצאָלט געוואָרן וועידזשעס אין אַלע **פיר פערטלעך** פון אייער באַזע טערמין און אייער הויכע פערטל וועידזשעס זענען:

- **איבער $3,575:** אייער בענעפיט ראַטע איז אייער הויכע פערטל וועידזשעס צוטיילט אויף 26. אויב דער רעכענונג איז ווייניגער ווי $143, איז אייער בענעפיט ראַטע $143.
  - **ביישפּיל 1:** הויכע פערטל פאַרדינסטן זענען $4,030 אייער וועכנטליכע בענעפיט ראַטע איז $155 ($4,030 ° 26 = $155).
  - **ביישפּיל 2:** אייערע הויכע פערטל פאַרדינסטן זענען $3,640 דאָס שאַפט אַ בענעפיט ראַטע פון $140 ($3,640 ° 26 = $140). וויבאַלד דאָס איז ווייניגער ווי $143, איז אייער בענעפיט ראַטע $143.
- **$3,575 אָדער ווייניגער:** אייער בענעפיט ראַטע איז אייער הויכע פערטל וועידזשעס צוטיילט אויף 25.
- **ביישפּיל:** אייער הויכע פערטל פאַרדינסטן זענען $3,350. אייער וועכנטליכע בענעפיט ראַטע איז $134 ($3,350 ° 25 = $134).

אויב איר זענט באַצאָלט געוואָרן וועידזשעס אין בלויז **צוויי אָדער דריי פערטלעך** פון אייער באַזע טערמין און אייער הויכע פערטל וועידזשעס זענען:

- **איבער $4,000:** אייער בענעפיט ראַטע איז אייער דורכשניטליכע וועידזשעס פון אייער צוויי העכסטע פערטלעך וועידזשעס, צוטיילט אויף 26. אויב דער רעכענונג איז ווייניגער ווי $143, איז אייער בענעפיט ראַטע $143.
  - **ביישפּיל:** אייער הויכע פערטל וועידזשעס זענען $4,500 און אייער נעקסטע העכסטע פערטל וועידזשעס זענען $4,288, אַ דורכשניט פון $4,394 ($4,500 + $4,288 = $8,788, $8,788 ° 2 = $4,394). אייער בענעפיט ראַטע איז $169 ($4,394 ° 26 = $169).
- **$3,576 ביז $4,000:** אייער בענעפיט ראַטע איז אייער הויכע פערטל וועידזשעס צוטיילט אויף 26. אויב דער רעכענונג איז ווייניגער ווי $143, איז אייער בענעפיט ראַטע $143.
  - **ביישפּיל:** אייער הויכע פערטל פאַרדינסטן זענען $3,640. דאָס שאַפט אַ בענעפיט ראַטע פון $140 ($3,640 ° 26 = $140). וויבאַלד דאָס איז ווייניגער ווי $143, איז אייער בענעפיט ראַטע $143.
- **$3,575 אָדער ווייניגער:** אייער בענעפיט ראַטע איז אייער הויכע פערטל וועידזשעס צוטיילט אויף 25.
- **ביישפּיל:** אייער הויכע פערטל פאַרדינסטן זענען $3,350. אייער וועכנטליכע בענעפיט ראַטע איז $134 ($3,350 ° 25 = $134).

*זיך צו פאַרבינדן מיט'ן טעלעפאָן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באַנוצערס: רופט אַ רילעי אָפּערעיטאָר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אָפּערעיטאָר צו רופן 888-783-1370. פאַר ווידיאָ אָדער אַנדערע סאָרט רילעי סערוויס באַנוצערס רופט אייער רילעי אָפּערעיטאָר און בעט דעם רילעי אָפּערעיטאָר צו רופן 888-783-1370.

**ביטע באמערקט:** גילטיג דעם ערשטן מאנטאג פון אקטאבער 2019, איז די מאקסימום בענעפיט ראטע געהעכערט געווארן צו $504. ***פאר קלעימס גילטיג יאנואר 1, 2024 אדער שפעטער, איז די מינימום בענעפיט ראטע $132. פאר קלעימס איינגעגעבן אין 2024, איז די מינימום הויכע פערטל $3,300.***

נאכדעם וואס אייער וועכנטליכע בענעפיט באצאלונג ווערט גערעכנט, וועט איר באקומען א א געלטליכע בענעפיטן באשטימונג מעלדונג דורכ'ן פאסט. עס וועט אייך זאגן אויב איר האט גענוג ווערדזשעס צו קוואליפיצירן פאר בענעפיטן, און אויב אזוי, וואס אייער וועכנטליכע בענעפיט ראטע וועט זיין אויב מיר באשטימען אז איר זענט בארעכטיגט. דער מעלדונג וועט אויסרעכענען אלע ארבעטסגעבערס פאר וועמען איר האט געארבעט אין אייער באזע טערמין, נישט נאר אייער לעצטע ארבעטסגעבער. עס וועט אויך צייגן די ווערדזשעס וואס איר זענט באצאלט געווארן לויט ווי באריכטעט ביי די ארבעטסגעבערס.

**איר זאלט זאפארט איבערקוקן געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג צו מאכן זיכער עס איז ריכטיג.** אויב איר שטימט צו צו די אינפארמאציע, נעמט נישט קיין שריט. האלט דעם מעלדונג פאר אייערע רעקארדס. אויב סיי וועלכע אינפארמאציע אויפ'ן מעלדונג איז נישט ריכטיג, ביטע זעהט די נעקסטע טעמע ***"אויב ווערדזשעס און/אדער ארבעטסגעבערס פעלן פון אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג."***

**וויכטיג: די געלטליכע בענעפיט באשטימונג זאגט נישט אז איר וועט זיכער באקומען בענעפיטן.** עס זאגט אייך נאר אויב איר האט גענוג פארדינסטן צו קוואליפיצירן. עס קען זיין אנדערע סיבות פארוואס איר זאלט נישט קוואליפיצירן. **זעהט קאפיטל 2** ***"ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן בארעכטיגונג".*** נאך איר באקומט די געלט בענעפיט באשלוס, אויב מיר טרעפן אז איר זענט בארעכטיגט וועלן אייערע בענעפיטן זיך אנהויבן. אויב מיר באשטימען אז איר זענט נישט בארעכטיגט, וועט איר באקומען נאך א מעלדונג פון באשטימונג אויף פאסט מיט די סיבה פארוואס איר זענט נישט בארעכטיגט.

**וויכטיגע מעלדונג פאר קלעימענטס מיט באגרעניצטע פארשטאנד פון ענגליד אדער ספאניש: ווי עס שטייט יעצט, קען די דעפארטמענט אוו לעיבאר דרוקן געלטליכע בענעפיטן באשטימונגען נאר אין ענגליש אדער ספאניש.** אייך צו העלפן פארשטיין די וויכטיגע מעלדונג, האבן מיר בייגעלייגט אן איבערזעצונג פון אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג ביים ענדע פון דעם וועגווייזער. דער דאקומענט זעצט איבער די אינפארמאציע ארייננגערעכנט אין די געלטליכע בענעפיט באשטימונג אינעם שפראך וואס איר האט געבעטן פאר אייער ווענגווייזער.

אויך, אויב איר האט אונז געזאגט ווען איר האט זיך איינגעגעבן פאר בענעפיטן אז איר רעדט א שפראך אויסער ענגליש אדער ספאניש, וועט איר באקומען א מעלדונג מיט אייער געלטליכע בענעפיטן באשלוס וואס זאגט אייך צו רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער* פאר הילף צו פארשטיין די מעלדונג. א דאלמעטשער וועט ווערן צוגעשטעלט פריי פון אפצאל.

## אויב ווערדזשעס און/אדער ארבעטסגעבערס פעלן פון אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג

אויב איר זעט אז ווערדזשעס אדער ארבעטסגעבערס פעלן פון אייער געלטליכע בענעפיטן באשלוס מעלדונג, פולט אויס און שיקט צוריק די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן מיטגעשיקט מיט'ן מעלדונג (די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן קען מען אויך געפינען ביים ענדע פון דעם וועגווייזער). **וויכטיג: דער בויגן מוז ווערן ערהאלטן אינערהאלב 30 קאלענדער טעג פון די דאטום געשיקט דורכ'ן פאסט וואס שטייט אויף אייער מערסט-לעצטע געלט בענעפיט באשטימונג מעלדונג.**

ביטע זאגט אונז וויפיל ווערדזשעס איר האט באקומען דורכאויס די פיר עיקר באזע טערמין פערטלעך ווי אויך די אנדערע באזע טערמין פערטל. שטעלט צו באווייז פון ארבעט און ווערדזשעס, אזוויי קאפיעס פון פעי סטאבס, פאר אלע די ווערדזשעס וואס איר האט אויסגערעכנט אויפ'ן בויגן און פאר די אנדערע צייט אפשניט פון וואס מען רעדט. ווערדזשעס שליסן איין די געלטליכע ווערד פון טיפס, באנוסעס, מאלצייטן און וואוינונג, ווי אויך קאמישאנס און וואקאציע באצאלונג. אויב איר האט נישט באווייז פון אייער ווערדזשעס, רעכנט זיי סייווי אויפ'ן בויגן און זאגט אונז פארוואס איר האט נישט קיין באווייז. אויב איר זענט באצאלט געווארן אין קעש, זאלט איר אריינרעכענען די ווערדזשעס אויף אייער פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג, אפילו אויב איר האט נישט קיין פעי סטאבס אדער אנדערע באווייז אז איר זענט באצאלט געווארן. מיר קענען אויספארשן פארוואס אייער ארבעטסגעבער(ס) האבן נישט באריכטעט אייער געהאלט צו אונז.

מיר וועלן איבערקוקן די נייע ווערדזש אינפארמאציע וואס איר שיקט אונז אויף די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג. ווען דער באטראכטונג איז פארענדיגט, וועלן מיר אייך שיקן אן איבערגעמאכטע געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג.

אויב איר האט געארבעט פאר אן אגענטור פונעם פעדעראלע רעגירונג, אן אפטיילונג פון מיליטערישע סערוויס אדער אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט, אדער אויב איר זענט באצאלט געווארן אלס אן אינדעפענדענט קאנטראקטאר, קענ זיין אז אייערע ווערדזשעס וועלן נישט ווערן אויסגערעכנט אויף אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג. אויב איר האט באקומען סיי וועלכע פון די סארט ווערדזשעס, פולט אויס און שיקט צוריק די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן. **וויכטיג: דער בויגן מוז ווערן ערהאלטן אינערהאלב 30 קאלענדער טעג פון די דאטום געשיקט דורכ'ן פאסט וואס שטייט אויף אייער מערסט-לעצטע געלט בענעפיט באשטימונג מעלדונג.** דאס וועט אונז זאגן צו רעכענען די ווערדזשעס ווען מיר רעכענען אויס אייער בענעפיט ראטע.

אויב איר זענט באצאלט געווארן אלס אן אינדעפענדענט קאנטראקטאר, ביטע זעהט ***"מיין ארבעטסגעבער האט מיר באצאלט אלס אן אינדעפענדענט קאנטראקטאר און/אדער מיר באצאלט נישט אויף די ביכער. וואס זאל איך טון?"*** **אין קאפיטל 11.**

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

**וויכטיג: אויב אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג צייגט ארבעטסגעבערס פאר וועמען איר האט נישט געארבעט אדער צייגט וועדזשעס וואס איר האט נישט באקומען, מוזט איר אונז זאגן ווי פריער דורך א פארזיכערטע מעסעדזש.** גייט צו **labor.ny.gov/signin**. קליקט "שרייב זיך איין" (Sign In). לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב ניי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "בענעפיט ראטע און געלטליכע באשטימונג" (Benefit Rate and Monetary Determination). וועלט אויס צווייטע טעמע: "בענעפיט ראטע/געלט באשטימונג-אנדערע" (Benefit Rate/Monetary Determination-Other). אינעם מעסעדזש, ערקלערט די נישט ריכטיגע אינפארמאציע. פאר פראגעס און אינפארמאציע, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער.*

## בעטן א בענעפיט ראטע רעכענונג באזירט אויף אן אנדערע באזע טערמין

אויב אייער הויכע פערטל וועדזשעס זענען אין אייער אנדערע פערטל, קען אייער בענעפיט ראטע זיין העכער נוצנדיג אייער אנדערע באזע טערמין. איר קענט אונז בעטן צו נוצן אייער אנדערע באזע טערמין צו רעכענען אייער בענעפיט סומע.

דאס צו טון, פולט אויס די פארלאנג פאר אנדערע באזע טערמין בויגן TC403HA, אויף **dol.ny.gov/forms-and-publications**, וואס איז אויך צו געפינען ביים ענדע פון דעם וועגווייזער. **וויכטיג: דער בויגן מוז ווערן ערהאלטן אינערהאלב 10 קאלענדער טעג פון די דאטום געשיקט דורכ'ן פאסט וואס שטייט אויף אייער מערסט-לעצטע געלט בענעפיט באשטימונג מעלדונג.** אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג וועט צייגן ספעציפישע דאטומען און וועדזשע סומעס. אויב אייער וועדזש פאר די אנדערע פערטל איז נישט אויפ'ן געלטליכע בענעפיט באשטימונג, לייגט אריין די סומע וואס איר האט פארדינט אין די אנדערע פערטל אויף די פארלאנג פאר אנדערע באזע טערמין בויגן. שטעלט צו באוויז פון ארבעט און וועדזשעס, אזוויו קאפיעס פון פעי סטאבס, פאר אלע די פארדינונגען וואס איר האט אויסגערעכנט אויפ'ן בויגן און פאר די אנדערע צייט אפשניט פון וואס מען רעדט. וועדזשעס שליסן איין די געלטליכע ווערד פון טיפס, באנוסעס, מאלצייטן און וואוינונג, ווי אויך קאמישאנס און וואקאציע באצאלונג. רעכנט אויך סומעס וואס איר זענט געצאלט געווארן אין קעש.

אויב די וועדזשעס געצייגט אויף אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג פאר די אנדערע פערטל איז נישט אייער הויכע פערטל וועדזשעס אדער אויב אייער בענעפיט ראטע איז די מאקסימום, ביטע בעט נישט א ווידער רעכענונג. **וויכטיג: אויב איר וועלט אויס צו נוצן די אנדערע פערטל וועדזשעס פאר אייער יעצטיגע קלעים, קענט איר נישט נאכאמאל נוצן די וועדזשעס אינעם צוקונפט.** דאס קען אפעקטירן אייער מעגליכקייט צו קוואליפיצירן פאר א צוקונפטיגע קלעים.

## ארבעטערס פארגוטיגונג אדער וואלונטיר פייערלעשערס' בענעפיטן און די באזע טערמין

אויב איר זענט נישט געווען בארעכטיגט פאר בענעפיטן נוצנדיג די עיקר אדער אנדערע באזע טערמינען, אבער איר האט באקומען ארבעטערס' פארגוטיגונג אדער וואלונטיר פייערלעשערס' בענעפיטן דורכאויס די עיקר באזע טערמין, קענט איר נאך קוואליפיצירן. די עיקר באזע טערמין קען ווערן פארלענגערט אויף צוריק פאר ביז צוויי לוח פערטלעך, געוואנדן אויף די נומער פון באזע טערמין פערטלעך אין וואס איר האט באקומען די בענעפיטן.

זיך איינצוגעבן פאר די פארלענגערטע באזע טערמין, מוזט איר אויספולן די בויגנס אויסגערעכנט אונטן. **וויכטיג: דער בויגן מוז ווערן ערהאלטן אינערהאלב 30 קאלענדער טעג פון די דאטום געשיקט דורכ'ן פאסט וואס שטייט אויף אייער מערסט-לעצטע געלט בענעפיט באשטימונג מעלדונג.**

- ארבעטער'ס פארגיטיגונג: פולט אויס דער פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן (אוועילעבל ביים ענדע פון דעם וועגווייזער) און געבט עס אריין צוזאמען מיט א קאפיע פון אייער לעצטע SROI (שפעטערדיגע באריכט פון וואונדן) בויגן פון ארבעטערס' פארגיטיגונג.
- וואלונטיר פייערלעשערס' בענעפיטן:  פולט אויס און שיקט צוריק די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן (אוועילעבל ביים ענדע פון דעם וועגווייזער)

## נוצן וועדזשעס פון די יעצטיגע לוח פערטל צו באשטימען א קלעים

אויב איר קוואליפיצירט נישט נוצנדיג סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע באזע טערמינען, אבער איר האט געהאט א פאסטן אין די לוח פערטל אין וואס איר האט איינגעגעבן אייער קלעים און איר זענט נאך ארבעטסלאז נאך יענע פערטל ענדיגט זיך, קענט איר קוואליפיצירן נוצנדיג די מערסט לעצטע פאסטן. איר זאלט זיך נאכאמאל איינגעבן פאר בענעפיטן **אום אדער נאך די ערשטע מאנטאג** פון די נעקסטע לוח פערטל. לוח פערטלעך הויבן זיך אן יאנואר 1, אפריל 1, יולי 1, און אקטאבער 1.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. ‏TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## בעטן א בענעפיט ראטע איבער-רעכענונג באזירט אויף אן דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט

אויב איר האט נישט געארבעט אלע וואכן אין די באזע טערמין וואס האט אייער הויכע פערטל ווידזשעס, דאן קען זיין אז נוצן אייער דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט וועט העכערן אייער בענעפיט ראטע. איידער איר קענט בעטן דעם איבער-רעכענונג, מוזן די פאלגנדע באדינגונגען ווערן נאכגעקומען:

- איר מוזט ערשט ווערן געפינען בארעכטיגט פאר בענעפיטן נוצנדיג אייער ווידזשעס אין אייער עיקר, אנדערע אדער פארלענגערטע באזע טערמין.
- אייער באזע טערמין און בענעפיט ראטע מוז זיין פעסטגעשטעלט און ענדגילטיג. די אינפארמאציע קען געפינען ווערן אויף אייער מערסט-לעצטיגע געלט בענעפיט באשטימונג מעלדונג.
- איר מוזט האבן כאטש 20 וואכן פון ארבעט אין אייער באזע צייט אפשניט.
- אלע אייער פארלאנגען פאר ווידער-באטראכטונג בויגנס מוזן ווערן ערהאלטן און איבערגעקוקט.

אייער בענעפיט ראטע וועט ווערן גערעכנט אלס האלב פון דורכשניטליכע וועכנטליכע ווידזש (האלב פון די סך הכל באזע טערמין ווידזשעס צוטיילט אויף די צאל וואכן געארבעט) **נאר** אויב די בענעפיט ראטע איז כאטש פינעף דאלער מער ווי אייער יעצטיגע בענעפיט ראטע.

צו פארלאנגען די איבער-רעכענונג, פולט אויס און געבט אריין דער פארלאנג פאר ראטע באזירט אויף וואכן פון ארבעט בויגן ביים ענדע פון דעם ביכל. **וויכטיג: דער בויגן מוז ווערן ערהאלטן אינערהאלב 10 קאלענדער טעג פון די דאטום געשיקט דורכ'ן פאסט וואס שטייט אויף אייער מערסט-לעצטע געלט בענעפיט באשטימונג מעלדונג.** איר מוזט צושטעלן באווייז פון אייער ארבעט און ווידזשעס, אזוויי פעי סטאבס, פאר יעדע וואך פון ארבעט. ווידזשעס שליסן איין די געלטליכע ווערד פון טיפס, באנוסעס, מאלצייטן און וואוינונג ווי אויך קאמישאנס, וואקאציע באצאלונג, און סומעס וואס זענען געצאלט געווארן צו אייך אין קעש.

## געהאלט פון ארבעט פארלוירן צוליב נישט גוטע אויפפירונג אדער א קרימינאלע פארברעכן קען נישט גענוצט ווערן

אויב איר האט פארלוירן סיי וועלכע ארבעט ווייל איר האט זיך נישט ריכטיג געפירט, קען די געהאלט וואס איר האט פארדינט ביי יענע ארבעט נישט גענוצט ווערן צו קלעימ'ן אדער רעכענען אייער בענעפיט ראטע. נישט גוטע אויפפירונג איז סיי וועלכע טאט אדער אויסלאזונג וואס איר האט געוואוסט איז נישט ערלויבט ביי די ארבעט און וואס האט פאראורזאכט אדער וואלט געקענט פאראורזאכן שאדענס צום ארבעטסגעבער.

## מאקסימום אדער מינימום וועכנטליכע בענעפיט ראטע

אפעקטיוו דעם ערשטן מאנטאג פון אקאטבער 2019, איז די מאקסימום בענעפיט ראטע געהעכערט געווארן צו $504. ביטע באזוכט אונזער וועבזייטל אויף **labor.ny.gov** פאר די יעצטיגע מאקסימום וועכנטליכע בענעפיט ראטע.
***פאר קלעימס גילטיג יאנואר 1, 2024 אדער שפעטער, איז די מינימום בענעפיט ראטע $132.***

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 5 ווען וועל איך אנהייבן צו באקומען בענעפיטן?

## ווען וועל איך באקומען מיין ערשטע באצאלונג?

**נאך איר האט איינגעגעבן אייער קלעים, מוזט איר סערטיפייען וועכנטליך דערוויל וואס אייער בארעכטיגונג ווערט איבערגעקוקט.** אויב איר זענט בארעכטיגט, וועט אייער ערשטע באצאלונג אין אלגעמיין ווערן געמאכט אין צוויי ביז דריי וואכן פון די צייט וואס איר געבט איין אייער קלעים. אין עטליכע פעלער, מוזן מיר באקומען מער אינפארמאציע איידער א באצאלונג קען ווערן געמאכט און אייער ערשטע באצאלונג קען נעמען לענגער. אין די צייט, קוקן מיר איבער און פראצעסירן אייער אפליקאציע, באשטימען אייער וועכנטליכע בענעפיט ראטע און באשטעטיגן אייער ארבעט אינפארמאציע מיט אייער פריערדיגע ארבעטסגעבער(ס). **איר וועט נישט באקומען קיין בענעפיטן דורכאויס די איבערקוקן טערמין.**

אויב איר ווערט געפונען בארעכטיגט, וועט איר צוריקבאקומען בענעפיטן פאר וואכן וואס מען איז אייך שולדיג מיט אייער ערשטע באצאלונג.

אין די צייט, זענען דאס די צוויי זאכן וואס איר זאלט טוען:

- פולט אויס און שיקט צוריק סיי וועלכע פראגע בויגנס און רופט צוריק יעדע טעלעפאן קאל פונעם דעפארטמענט אוו לעיבאר זאפארט, און
- קלעימ'ט ווייטער וועכנטליכע בענעפיטן ווילאנג איר זענט נאך ארבעטסלאז און קומט נאך די בארעכטיגונג פאדערונגען, אנגעהויבן פון די וואך באלד נאך איר האט איינגעגעבן אייער קלעים. ביטע זעט ***"ווי אזוי קלעים איך וועכנטליכע בענעפיטן?" אין קאפיטל 2***. אין צוגאב דערצו, מוזט איר אייך נאכקומען אלע ארבעט זוך און פארבינדענע רעקארד-האלטן פאדערונגען. ביטע זעט ***"וואס זענען די ארבעט זוכן פאדערונגען?" אין קאפיטל 7.***

## שיקט צייטליך צוריק אלע פראגע בויגנס

אויב איר האט איינגעגעבן אייער קלעים אנליין, שטימט איר צו צו באקוקן און ענטפערן פארזיכערטע מעסעדזשעס און פראגע בויגנס וואס מיר שיקן אייך דורך די NY.gov פארזיכערטע מעסעדזש סיסטעם און אלע מעסעדזשעס, בויגנס און בריוון וואס מיר שיקן אייך אויף פאסט. איר מוזט ענטפערן אינערהאלב די צייט אפשניטן אויסגערעכנט אין די דאקומענטן.

**אויב איר טוט נישט:**

- האלטן אייער קאנטאקט אינפארמאציע דערהיינטיגט
- באקוקן אייער NY.gov פארזיכערטע מעסעדזש אינבאקס, און/אדער
- ענטפערן אונזערע קאמיוניקאציעס אינערהאלב די צייט אפשניטן אויסגערעכנט אויף די דאקומענטן

***קענען אייערע בענעפיטן שפעטיגן, ווערן סוספענדירט אדער אפגעזאגט.***

אויב איר באקומט א פראגע בויגן וואס זעט נישט אויס צו זיין פארבינדן מיט אייך, ביטע שיקט עס דאך צוריק. שרייבט פון אויבן אדער צום סוף פונעם פראגע בויגן אז איר האלט עס איז געשיקט געווארן צו אייך בטעות און שטעלט צו נויטיגע דעטאלן. דערנאך שיקט דאס צוריק דורך א פארזיכערטע מעסעדזש. שרייבט זיך אריין צו אייער אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב ניי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "קלעימס פראגע-אנדערע" (Claims Questions-Other). אינעם מעסעדזש, ערקלערט פארוואס איר מיינט מען האט געמאכט א טעות. אדער, פעקסט עס צום פעקס נומער אדער שיקט עס אויף פאסט צום אדרעס אויפ'ן פראגע בויגן. מיר וועלן איבערקוקן און פאררעכטן דעם טעות אויב עס פעלט אויס. אויב מיר דארפן נאך אינפארמאציע וועלן מיר זיך פארבינדן מיט אייך אויפ'ן טעלעפאן אדער פארזיכערטע מעסעדזש דורך אייער אנליין אקאונט מיט אונז. איר דארפט נישט רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער.*

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס צו טון אויב איר פארלירט א פראגע בויגן

איר קענט בעטן נאך א קאפיע פונעם פראגע בויגן/בויגן/בריוו דורך א פארזיכערטע מעסעדזשע אויף אייער אנליין אקאונט. זעט ***"ביילאגע II: שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש"* אין קאפיטל 14** פאר אנווייזונגען. אדער, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער.* **וויכטיג: ביטע פארלאנגט זאפארט אן ערזעצונג.** פראגע בויגנס מוזן ווערן אויסגעפולט און צוריקגעשיקט ביז זיבן טעג פונעם דאטום אויפן אריגינעלן פראגע בויגן. די דיו-דאטומען ווערן נישט געטוישט, אפילו מען שענקט אן ערזעצונג.

## ווארטן וואך פאר בענעפיטן

די ערשטע גאנצע וואך וואס איר האט נישט קיין ארבעט, אנגערופן א ווארט וואך, ווערט נישט באצאלט. איר וועט נישט באקומען קיין ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר די וואך, אבער איר מוזט זיין גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן און איר מוזט נאכקומען אלע בארעכטיגונג פאדערונגען. איר מוזט אויך סערטיפייען פאר וועכנטליכע בענעפיטן פאר די וואך. אין צוגאב דערצו, מוזט איר אויך נאכקומען אלע ארבעט זוך און פארבינדענע רעקארד-האלטן פאדערונגען. ביטע זעט ***"וואס זענען די ארבעט זוכן פאדערונגען?"* אין קאפיטל 7**.

אויב איר ארבעט 11 שעה אדער מער אדער איר זענט נישט בארעכטיגט פאר אן אנדערע סיבה דורכאויס די ערשטע וואך פון אייער קלעים, וועט די אומבאצאלטע ווארטן טערמין פארלענגערט ווערן אריין אין די נעקסטע וואך(ן). נאך די ווארטן טערמין, וועט איר באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורנעס בענעפיטן פאר יעדע וואך וואס איר פארבלייבט ארבעטסלאז, ביז 26 וואכן. פאר מער אינפארמאציע, זעט די מיינונג פון "גילטיגע טאג" **אין קאפיטל 12: *"ווערטער בוך פון וויכטיגע טערמינען."*** איר מוזט קלעימ'ן בענעפיטן יעדע וואך, זיין גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן און נאכקומען די ארבעט זוך פאדערונגען ווי אויסגערעכנט **אין קאפיטל 7: *"וואס זענען די ארבעט זוכן פאדערונגען?"***

## וויאזוי ווייס איך ווען איך וועל אנהויבן צו באקומען בענעפיטן?

נאך מיר קוקן איבער אייער קלעים אינפארמאציע וועלן מיר באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן. דער איבערזיכט פראצעדור געדויערט געווענטליך צוויי צו דריי וואכן סיידן מיר דארפן מער אינפארמאציע איידער א באצאלונג קען ווערן געמאכט, און דאן קען עס נעמען לענגער. אויב איר זענט בארעכטיגט, וועט איר אנהויבן צו באקומען אייער בענעפיטס דורך דירעקט דעפאזיט אדער באנק דעביט קארטל. איר וועט נישט באקומען א בריוו צו זאגן אז איר זענט בארעכטיגט פאר אייערע בענעפיטן הויבן זיך אן. צו זען די סטאטוס פון אייער בענעפיט באצאלונגען (באצאלונג היסטאריע), גייט צו labor.ny.gov/signin. **לייגט אריין אייער NY.gov יוזערנעים און פאסווארד. קליקט אויפן "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס" (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט און דאן קליקט "זעה באצאלונג היסטאריע" (View Payment History).** אדער רופט **888-581-5812** און פאלגט אויס די אנווייזונגען צו געוואר ווערן וועגן אייער בענעפיט באצאלונג סטאטוס.

אויב מיר באשטימען אז איר זענט נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן, וועט איר באקומען א מעלדונג פון באשטימונג אויף פאסט מיט די סיבות פארוואס. די מעלדונג וועט אויך ערקלערן פאר וועלכע צייט אפשניט די בענעפיטן ווערן אפגעזאגט, וויאזוי צו ווערן ווידער בארעכטיגט און וויאזוי צו בעטן פאר א הירינג אויב איר שטימט נישט צו מיטן באשלוס.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 6 ווי אזוי קלעים איך וועכנטליכע בענעפיטן?

## וויאזוי באקום איך בענעפיטן (קלעים'ן וועכנטליכע בענעפיטן/סערטיפייען פאר בענעפיטן)?

פאר יעדע וואך וואס איר זענט ארבעטסלאז און זוכט ארבעט, מוזט איר קלעים'ן וועכנטליכע בענעפיטן דורך בעטן באצאלונג נוצנדיג אונזער וועבזייטל אדער טעל-סערוויס אוטאמאטישע טעלעפאן סיסטעם. דאס ווערט אויך אנגערופן סערטיפייען פאר בענעפיטן, ווייל איר באשטעטיגט אז איר זענט געווען ארבעטסלאז פאר די גאנצע אדער א טייל פון די לעצטע וואך און אז איר קומט נאך אלע אנדערע באדינגונגען פון באקומען ארבעטלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

צו איר וועלט אויס אונזער וועבזייטל אדער טעל-סערוויס, וועט דער סיסטעם אייך פרעגן א סעריע פראגעס. אייער בארעכטיגונג פאר וועכנטליכע בענעפיטן איז באזירט אויף די ענטפערס צו די פראגעס. ליינט אדער הערט זיך פארזיכטיג צו צו די פראגעס און די אנווייזונגען פאר איר ענטפערט.

אויב איר פארשטייט נישט א פראגע, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער* פאר ערקלערונג. **וויכטיג: עס איז קעגן די געזעץ צו מאכן פאלשע דערקלערונגען דורכאויס די וועכנטליכע באשטעטיגונג פראצעדור כדי צו באקומען בענעפיטן.** איר קענט זיין אויסגעשטעלט צו אינטערעסט און שטראפן, ארייננגערעכנט פארלוסט פון בענעפיטן אדער אפילו קרימינאלע באשולדיגונג.

## איר מוזט אליין קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן

**וויכטיג: ביטע לאג'ט אריין מיט אייער NY.gov יוזערנעים און פאסווארד.** אויב איר ערלויבט א צווייטן צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטן) פאר אייך אדער צו האבן צוטריט צו אייער קלעים אנליין אדער איבער די טעל-סערוויס טעלעפאן סיסטעם, קענט איר זיין אויסגעשטעלט צו שטרענגע שטראפן. דאס קען איינשליסן קרימינאלע באשולדיגונג און איינזעצונג. איר קענט אויך פארלירן ביז 20 וואכן פון בענעפיטן. אויב איר דארפט הילף צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן, ביטע זעט ***"וואס איז אויב איך דארף הילף צו קלעימ'ן בענעפיטן?"* אין קאפיטל 6.**

## קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן אנליין

איר קענט קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטן) אויף אונזער וועבזייטל. גייט צו **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. קליקט די "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס" (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, און דאן קליקט אויף "קלעים וועכנטליכע בענעפיטן" (Claim Weekly Benefits) און פאלגט נאך די אנווייזונגען.

**באמערקונג:** אויב איר האט א סערוויס וואס מאכט אייער אינטערנעט אדרעס אנאנים, ביטע לעשט עס אויס ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן. אויב נישט, קען אייער קלעים ווערן בלאקירט.

איר וועט דארפן נוצן א NY.gov ID זיך איינצושרייבן פאר אן אנליין אקאונט. אויב איר האט שוין א NY.gov ID יוזערנעים און פאסווארד, קענט איר עס נוצן פאר אונזער סיסטעם. אויב איר האט נישט א NY.gov ID, פאלגט אויס די אנווייזונגען אויף אונזער וועבזייט אויף **labor.ny.gov/signin** צו מאכן איינס. מיט אן אנליין אקאונט, קענט איר קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן, זען די סטאטוס פון אייער בענעפיט באצאלונגען, דריקן אייער באצאלונג רעקארד און 1099 בויגן, האבן צוטריט צו אונזער JobZone רעסארס זייטל און נאך. איר קענט אויך נוצן אייער NY.gov ID צו האבן צוטריט צו אנליין סערוויסעס פון אנדערע ניו יארק סטעיט רעגירונג אגענטורן. **וויכטיג: געבט נישט אייער NY.gov ID יוזערנעים אדער פאסווארד פאר סיי וועמען, און שרייבט זיי נישט אראפ וואו אנדערע קענען זיי זען.**

פאר הילף צו מאכן אדער נוצן א NY.gov ID, ביטע זעט די ליסטע פון אנווייזונגען מיט בילדער, און די אפט געפרעגטע פראגעס אויף **labor.ny.gov/signin**. אויב איר האט שוועריגקייטן מיט מאכן אן NY.gov ID, רופט די קאנטאקט צענטער אויף **800-833-3000** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן אויפ'ן טעלעפאן

איר קענט אויך קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן דורך רופן אונזער טעל סערוויס טאל-פריי, אוטאמאטישע טעלעפאן סיסטעם אויף **888-581-5812**. TTY באנוצערס רופט **877-205-3119**. פאר ווידיא רילעי סערוויס באנוצערס: רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן **888-783-1370**. איר וועט ווערן געבעטן צו ענטפערן א סעריע פון פראגעס, און דאן וועט איר ווערן געבעטן צו באשטעטיגן אז אלע אייערע ענטפערס זענען ריכטיג און אמת. ווען איר זאגט יא אדער דריקט 1 צו ענטפערן די פראגעס, איז עס די זעלבע ווי אונטערשרייבן א דאקומענט. דאס איז וויל נאר איר ווייסט דעם PIN וואס איר האט געמאכט ווען איר האט אריינגעגעבן אייער קלעים. **וויכטיג: געבט נישט אייער PIN פאר קיינעם, נישט אפילו א פאמיליע מיטגלידער.** נאר איר קענט קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן.

**די איינציגע אויסנאם איז אויב איר קענט נישט אריינלייגן אייער אייגענע PIN (צום ביישפיל, איר האט א דיסאביליטי אדער שפראך פראבלעם), קענט איר האבן א העלפער וואס זאל עס אריינלייגן פאר אייך. אבער, איר מוזט דארט זיין מיט אייער העלפער ווען זיי לייגן אריין אייער פאסווארד אדער PIN. באמערקונג: קלעימענטס ווערן נישט פארלאנגט צו נוצן א העלפער פאר סיי וועלכע סערוויסעס דורך די דעפארטמענט אוו לעיבאר, אריינגערעכנט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס. איר קענט באקומען דאלמעטשונג סערוויסעס פריי פון אפצאל.**

**וויכטיג:** אויב אייער טעלעפאן קאל ווערט אפגעהאקט אבער אויב איר הענגט אויף פאר איר הערט "אייער קלעים איז אריינגעלייגט געווארן פאר פראצעסירונג," האט איר נישט געענדיגט דעם פראצעדור פון קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן. איר וועט דארפן רופן נאכאמאל.

**וויכטיג:** אויב איר מאכט א גרייז ביים סערטיפייען פאר בענעפיטן, באריכט עס זאפארט. שיקט אונז א פארזיכערטע מעסעדזש דורך אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט, אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב ניי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "סערטיפיקאציע פראגעס" (Certification Questions). אינעם מעסעדזש, ערקלערט דעם טעות. זעט ***"ביילאגע II: שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש"* אין קאפיטל 14** פאר אנווייזונגען. פאר פראגעס און אינפארמאציע, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער. *

## ווען צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן

פֿאר די צוועקן פון ארבעטסלאזיקייט אינשורענס, איז א וואך פון מאנטאג ביז זונטאג. איר דארפט איינגעבן אייער קלעים פאר די פריערדיגע וואך אויף די לעצטע טאג פון יענע וואך (זונטאג) ביז די פאלגענדע שבת. דאס ווערט אנגערופן די **קלעים אפשניט**. סערטיפיקאציעס געמאכט אום א זונטאג זענען פֿאר די וואך וואס ענדיגט זיך אין יענעם טאג. זעט ביישפיל אונטן נונצדיג ארבעטסלאזיגע וואך וואס הויבט זיך אן מאנטאג, 10/19 און ענדיגט זיך אום זונטאג, 10/25. די קלעים אפשניט פאר יענע וואך איז זונטאג, 10/25 ביז שבת, 10/31.

ארבעטסלאזיגע וואך (מאנטאג - זונטאג)

| מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת | זונטאג |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 10/19 | 10/20 | 10/21 | 10/22 | 10/23 | 10/24 | 10/25 |

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 10/25 | 10/26 | 10/27 | 10/28 | 10/29 | 10/30 | 10/31 |

ווען איר קענט קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן אנליין אדער דורכ'ן טעלעפאן פאר די ארבעטסלאזיגע וואך וואס ענדיגט זיך אום 10/25

## וויאזוי צו בעטן קרעדיט פאר פריער פאר א פארפאסטע וואך

איר קענט נישט איינגעבן א קלעים פאר א ספעציפישע וואך אינדרויסן פונעם קלעים אפשניט פאר יענע וואך נוצנדיג די אנליין אדער טעל סערוויס סיסטעם. אין די ביישפיל אויבן, קענט איר נישט איינגעבן א קלעים פאר די וואך וואס ענדיגט זיך 10/25 נאך 10/31. אויב איר האט פארפאסט צו קלעימ'ן בענעפיטן פאר א וואך אין וואס איר זענט געווען ארבעטסלאז, קענט איר בעטן פאר קרעדיט פאר יענע וואך דורך א פארזיכערטע מעסעדזש, פעקס, אדער אלגעמיינע פאסט. רופט נישט די טעלעפאן קלעימס צענטער* צו בעטן קרעדיט פאר פריער פאר א פארפאסטע וואך.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

איר קענט איינגעבן א פארלאנג דורך א פארזיכערטע מעסעדזש אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב נייע" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "בעטן א קלעים פאר א פארפאסטע וואך/ בעטן בענעפיטן פאר א פריערדיגע וואך" (Request Backdating of claim/Request to claim benefits for a prior week). אינעם מעסעדזש, רעכנט אויס די וואכן פאר וועלכע איר ווילט בעטן קרעדיט.

**איר קענט אויך שיקן אייער פארלאנג דורך א פעקס צו 518-457-9378 אדער שיקט עס אויף פאסט צו:**

New York State Department of Labor
PO Box 15130
Albany, NY 12212-5130

מאכט זיכער צו אויסרעכענען די אנהויב און ענדע דאטומען פון די צייט אפשניט פאר וואס איר האט נישט גע'קלעימ'ט בענעפיטן און די סיבה פארוואס איר האט נישט גלייך גע'קלעימ'ט בענעפיטן אין אייער פארלאנג. רעכנט אויך אויס די לעצטע פיר ציפערן פון אייער סאושעל סעקיוריטי נומער אין די אויבערשטע רעכטע ווינקל.

מיר וועלן איבערקוקן אייער קלעים פארלאנג און מיר וועלן באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן פאר יענע צייט אפשניט.

דער איבערזוכט קען געדויערן צוויי צו דריי וואכן, סיידן מיר דארפן מער אינפארמאציע, וואס דאן קען עס נעמען לענגער. דורכאויס די צייט, מאכט זיכער ווייטער צו קלעימ'ן בענעפיטן פאר אלע וואכן וואס איר ארבעט נישט און זענט בארעכטיגט פאר בענעפיטן. אויב מיר שרייבן אדער רופן אייך צו בעטן מער אינפארמאציע, ביטע ענטפערט זאפארט אז אייער איבערזוכט זאל נישט ווערן פארשפעטערט.

## וועכנטליכע סערטיפיקאציע פראגעס

ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן, וועט מען אייך פרעגן פראגעס וועגן א וואך וואס האט זיך אנגעהויבן אויף א מאנטאג און געענדיגט אויף א זונטאג. לייגט צו קאפ צו די דאטומען.

**וויכטיג:** ביטע ליינט אדער הערט פארזיכטיג אויס די סערטיפיקאציע פראגעס. ווען איר געבט איין אייערע ענטפערס, טוט איר לעגאל באשטעטיגן אז אייערע ענטפערס זענען אמת, גאנץ, און ריכטיג. אייערע ענטפערס ווערן איבערגעקוקט קעגן די אינפארמאציע צוגעשטעלט דורך ארבעטסגעבערס און רעגירונג אגענטורן. אויב איר ענטפערט נישט די פראגעס ריכטיג, קענט איר פארלירן אייערע בענעפיטן און עס קען אייך קאסטן געלט שטראפן.

- אויב איר האט אויפגעהערט צו קלעימ'ן בענעפיטן פאר א וואך אדער מער און דאן אנגעהויבן נאכאמאל, וועט איר ווערן געפרעגט פראגעס פארוואס איר האט אויפגעהערט קלעימ'ן.
- דורכאויס די וואך וואס ענדיגט זיך (דאטום), האט איר אפגעזאגט סיי וועלכע ארבעטס פארשלאג אדער רעפערעל?
  - אויב איר שלאגט אפ אן ארבעט פארשלאג אדער רעפערעל, וועלן מיר איבערקוקן אייער קלעים צו באשטימען אויב איר זענט נאכאלס בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן.
- וויפיל טעג האט איר געארבעט אריינגערעכנט זעלבסט-עמפלוימענט, דורכאויס די וואך וואס ענדיגט זיך (דאטום)? פון יאנואר 2021, וועט דער סערטיפיקאציע סיסטעם פארלאנגען אז איר זאלט איבערטייטשן די שעות וואס איר האט געארבעט אין א וואך צו טעג. ***זעהט "וואס איז אויב איך ארבעט פארט טיים?" אויף בלאט 20***.
  - "ארבעט" מיינט סיי וועלכע סערוויס וואס איר האט געטוען פאר א ביזנעס אדער מענטש. דאס רעכנט אריין ארבעט וואס איר האט געטון פאר זעלבסט-עמפלוימנעט אדער אלס פרילענס, אפילו אויב איר זענט נישט באצאלט געווארן.
- אויב איר ארבעט אויך סיי וועלכע טעג, וועט איר ווערן געפרעגט: "נישט רעכענענדיג פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט, האט איר פארדינט מער ווי $504?"
  - אויב איר האט בכלל געארבעט דורכאויס די וואך, מוזט איר מעלדן אויב איר האט פארדינט מער ווי $504 גראסס, פאר שטייערן. דאס רעכנט נישט אריין געלטער פארדינט פון זעלבסט-עמפלוימענט.
- וויפיל טעג זענט איר נישט געווען גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן?
  - צו זיין גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן, מוזט איר זיין גרייט שוין אנצוהויבן צו ארבעטן. איר מוזט אויך זיין פעאיג צו ארבעטן.
  - אויב איר זענט נישט גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן אלע טעג פונעם וואך וואס איר קלעימ'ט, זאלט איר ענטפערן "0" טעג.
  - אויב איר זענט נישט גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן פאר איין טאג, זאלט איר ענטפערן "1" טאג.
  - אויב איר זענט נישט גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן פאר צוויי טעג, זאלט איר ענטפערן "2" טעג.
  - אויב איר זענט נישט גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן פאר דריי טעג, זאלט איר ענטפערן "3" טעג.
  - אויב איר זענט נישט גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן פאר פיר אדער מער טעג, זאלט איר ענטפערן "4 אדער מער" טעג.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

- וויפיל טעג איז מען אייך געוועזן שולדיג האלידעי באצאלונג, אדער האט איר באקומען וואקאציע באצאלונג?
  - "וואקאציע באצאלונג" רעכנט נישט אריין באצאלונג וואס איר האט באקומען אדער מען איז אייך שולדיג פאר נישט גענוצטע וואקאציע טעג פשוט ווייל אייער פאסטן האט זיך געענדיגט. עס רעכנט יא אריין באצאלונג וואס איר האט באקומען אדער מען איז אייך שולדיג פאר טעג וואס זענען געווען גע'סקעדיולט פאר איר האט פארלוירן אייער ארבעט און וואס זענען אויסגעפאלן אינעם וואך וואס איר קלעימ'ט. **באמערקונג:** אויב איר באקומט אדער מען איז אייך שולדיג וואקאציע באצאלונג פאר סיי וועלכע טעג דורכאויס א פלאנירטע ארבעטספלאץ פארמאכונג, ווערט עס גערעכנט אלס "וואקאציע באצאלונג."
- וויפיל טעג איז מען אייך געוועזן שולדיג האלידעי באצאלונג, אדער האט איר באקומען האלידעי באצאלונג?
  - "האלידעי באצאלונג" רעכנט נישט אריין באצאלונג וואס איר האט באקומען אדער מען איז אייך שולדיג פאר נישט גענוצטע האלידעי קרעדיטס. עס רעכנט יא אריין באצאלונג וואס איר האט באקומען אדער מען איז אייך שולדיג פאר האלידעיס וואס זענען אויסגעפאלן אינעם וואך וואס איר קלעימ'ט.
- זענט איר צוריק צו דער ארבעט?
  - אויב איר זענט פריש צוריק צו פולע-צייט אדער פארט-טיים ארבעט, מוזט איר באריכטן אלע שעות געארבעט, אפילו אויב איר האט נאכנישט באקומען אייער ערשטע פעיטשעק.

## וואס איז אויב איך דארף הילף צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן?

אויב איר האט א דיסאביליטי אדער עס איז אייך שווער צו רעדן אדער פארשטיין ענגליש, קען איינער אייך העלפן מיט אונזער אנליין סערוויסעס אדער טעל סערוויס. אויב איר האט נישט אדער ווייסט נישט וויאזוי צו נוצן א קאמפיוטער, ווערט עס נישט גערעכנט אלס א דיסאביליטי וויבאלד איר קענט נוצן א טעלעפאן צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן.

**אויב איר קענט נישט אריינלייגן אייער אייגענע PIN, קענט איר האבן א העלפער וואס זאל עס אריינלייגן פאר אייך. אבער, איר מוזט דארט זיין מיט אייער העלפער ווען זיי לייגן אריין אייער פאסווארד אדער PIN. באמערקונג: קלעימענטס ווערן נישט פארלאנגט צו נוצן א העלפער פאר סיי וועלכע סערוויסעס דורך די דעפארטמענט און לעיבאר, אריינגערעכנט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס. איר קענט באקומען דאלמעטשונג סערוויסעס פריי פון אפצאל.** איר זענט פאראנטווארטליך פאר די שריט פון אייער העלפער. אויב איר זענט נישט אנוועזנד ווען אייער העלפער נוצט אונזער סערוויסעס, ווערט עס גערעכנט אלס שווינדל און איר קענט זיין אויסגעשטעלט צו שטראפן. די שטראפן שליסן איין פארלוירענע טעג. פארלוירענע טעג זענען בענעפיטן אינעם צוקונפט וואס איר פארלירט אלס א שטראף. אפילו אויב איר זענט אין אלגעמיין בארעכטיגט, וועלן סיי וועלכע קלעימס וואס איר גיבט אריין ערשט גיין צו באצאלטן דעם שטראף פאר איר קענט ווערן באצאלט. איר קענט אויך דארפן צוריקצאלן סיי וועלכע בענעפיטן וואס איר וואלט נישט געדארפט באקומען און איר קענט זיין אויסגעשטעלט צו געלט שטראפן.

## וואס איז אויב איך רייז אינדרויסן פון מיין ארט אדער אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, פארטא ריקא, אדער די ווירדזשין אינזלען?

איר קענט נישט קלעימ'ן בענעפיטן פאר סיי וועלכע צייט אפשניט וואס איר זענט געווען אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, פארטא ריקא, אדער די ווירדזשין אינזלען:

- איר זענט **נישט** בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן ווייל איר ווערט נישט גערעכנט אלס אוועילעבל צו ארבעטן (אפילו אויב איר האט געזוכט פאר ארבעט). סערטיפייט נישט אז איר זענט גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן.
- פרובירט **נישט** צו סערטיפייען פאר בענעפיטן נוצנדיג אונזער אנליין סיסטעם אדער טעל סערוויס. אייער סערטיפיקאציע וועט ווערן בלאקירט און אייערע בענעפיטן וועלן ווערן אויפגעהאלטן פאר איבערזוכט ביז עס ווערט באשטעטיגט אז איר זענט צוריק אינעם לאנד. איר וועט ווערן געבעטן צו צושטעלן א קאפיע פון אייערע פלענער און יעדע בלאט פון אייער פאספארט.
- געבט **נישט** אייער יוזערניעם, פאסווארד, סאשעל סעקיוריטי נומער, און/אדער PIN נומער צו א צווייטן צו סערטיפייען פאר אייך.
- זאגט **נישט** אז איר זענט געווען גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן פאר סיי וועלכע טעג וואס איר זענט געווען אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, פארטא ריקא, אדער די ווירדזשין אינזלען.

*סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע שריט קענען פירן צו ערנסטע שטראפן, אריינגערעכנט איבערבאצאלונג, א פארלוסט פון ביז 20 וואכן פון צוקונפטיגע בענעפיטן, געלטליכע שטראפן, קרימינאלע באשולדיגונג און איינזעצונג.*

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וויאזוי פייל איך א קלעים פאר א וואך וואס איך בין טיילווייז געווען אינעם לאנד און גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן?

אויב איר זענט צוריק אין די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, פארטא ריקא, אדער די ווירדזשין אינזלען דורכאויס די קלעים אפשניט פאר די וואך וואס איר זענט טיילווייז אינעם לאנד, גיבט אריין אייער קלעים ווען איר קומט צוריק. זעהט ***"ווען צו קלעימ'ן ווענכנטליכע בענעפיטן" אין קאפיטל 6***.

ווען איר קומט צוריק צו אייער שטענדיגע ארט אין די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, פארטא ריקא, אדער די ווירדזשין אינזלען, מוזט איר נאכאמאל באשטעטיגן אז איר זענט גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן דורך סערטיפייען פאר בענעפיטן. אויב איר זוכט קרעדיט אויף צוריק פאר א וואך וואס איר האט נישט גע'קלעימ'ט ווען איר זענט נישט געווען אינעם לאנד, קענט איר בעטן פאר קרעדיט אויף צוריק. זעט ***"וויאזוי צו בעטן קרעדיט פאר פריער פאר א פארפאסטע וואך" אין קאפיטל 6***. צום ביישפיל, אויב איר זענט געווען גרייט, וויליג, און פעאיג צו ארבעטן אין אייער לאקאלע לעיבאר מארקעט פון מאנטאג ביז פרייטאג, אבער איר זענט ארויסגעפארן פונעם לאנד פון שבת ביז די נעקסטע זונטאג (מער ווי א וואך), קענט איר נישט פיילן א ווענכנטליכע קלעים אזוויי איר וואלט געווענטליך געטון אויב איר וואלט געווען אינעם לאנד מאנטאג ביז פרייטאג. איר מוזט פיילן א קרעדיט אויף צוריק פארלאנג פאר די וואך ווען איר קומט צוריק צום לאנד.

איינמאל איר קומט צוריק צו אייער לאקאלע לעיבאר מארקעט אין די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, פארטא ריקא, אדער די ווירדזשין אינזלען, קענט איר נאכאמאל אנהויבן סערטיפייען פאר בענעפיטן נוצנדיג די אנליין אדער טעלעפאן סיסטעם.

## וואס איז אויב איך ארבעט פארט טיים?

איר מוזט באריכטן אלע ארבעט, אריינגערעכנט פארט-טיים אדער צייטווייליגע ארבעט. אויב איר באריכט נישט אלע ארבעט ווען איר קלעימ'ט ווענכנטליכע בענעפיטן, קענט איר זיין אויסגעשטעלט צו ערנסטע שטראפן אריינגערעכנט פארלירן בענעפיטן, ציווילע און קרימינאלע שטראפן און געלט שטראפן.

אום יאנואר 18, 2021, האט ניו יארק סטעיט איינגעפירט א נייע געזעץ וואס וועט אנדערש אויסטייטשן וויאזוי פארט-טיים ארבעט אפעקטירט ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן. די טיילווייזע ארבעטסלאזיקייט סיסטעם נוצט א "שעות-באזירטע" צוגאנג. אויב איר האט פארלוירן ארבעט און ארבעט פארט-טיים 30 שעה אדער ווייניגער א וואך און מאכט $504 אדער ווייניגער א וואך, זענען די פאלגנדע אנווייזונגען גילטיג ווען איר באריכט פארט-טיים ארבעט.

אנגעהויבן פון אויגוסט 16, 2021 און ווייטער, זאלן קלעימענטס זיך רעכענען מיט די פאלגענדע אנווייזונגען בשעת'ן באריכטן פארט-טיים ארבעט (רעכנט ארויף צו דעם נענטסטן שעה):

| | |
|---|---|
| **0-10 שעה פון ארבעט = 0 טעג געארבעט:** | קיין פארמינערונג פון ווענכנטליכע בענעפיט ראטע |
| **11 - 16 שעה ארבעט = 1 טאג געארבעט:** | 75% פון ווענכנטליכע בענעפיט ראטע |
| **17 - 21 שעה ארבעט = 2 טעג געארבעט:** | 50% פון ווענכנטליכע בענעפיט ראטע |
| **22 - 30 שעה ארבעט = 3 טעג געארבעט:** | 25% פון ווענכנטליכע בענעפיט ראטע |
| **31+ שעה ארבעט = 4 טעג געארבעט:** | 0% פון ווענכנטליכע בענעפיט ראטע |

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **on.ny.gov/partialui**.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס ווערט גערעכנט אלס ארבעט?

**סיי** וועלכע אקטיוויטעט וואס ברענגט אריין אדער וואס קען אריינברענגען איינקונפט סיי ווען מוז באריכטעט ווערן אלס ארבעט. דאס נעמט אריין טרענירונג, ווי אויך ארבעט פולע צייט, פארט-טיים, פארן סעזאן, פער טאג, פאר פראבע, פון צייט צו צייט, צייטווייליג אדער אויף שטענדיג. אפילו אויב איר זענט נישט באצאלט געווארן, מוזט איר באריכטן די אקטיוויטעטן אלס ארבעט. עטליכע ביישפילן ענטהאלטן:

- אלע אקטיוויטעטן פארבינדן צו זעלבסט-עמפלוימענט אדער פרילענס ארבעט, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו: שרייבן טשעקס, נעמען טעלעפאן קאלס, שרייבן אדער ענטפערן ביזנעס פארבינדונג בריוון, אדער סיי וועלכע אנדערע ארבעט פארבינדן מיט אנהייבן אדער ווייטער גיין א ביזנעס
- אן-קאל אדער לויטן-פארלאנג ארבעט
- ביים-ארבעט טרענירונג
- ארבעט אריענטאציע
- ארבעטן פאר א צווייטן
- טוען פליכטן אדער טובות פאר א פריינט'ס אדער קרוב'ס ביזנעס
- צייטווייליגע באשעפטיגונג
- פארט-טיים ארבעט
- אקטיווע דיוטי פאר טרעניונג מיט אן אפטיילונג פונעם מיליטער
- אקטיוויטעטן וואס שליסן איין מענעדזשען א מולטי-פאמיליע (צוויי אדער מער געדינגענע אפארטמענטס) רענטל יוניט
- ארבעטן אלס א געביידע סופעראינטענדענט
- ארבעטן פאר טיפס
- אן אינטערנשיפ און/אדער עקסטערנשיפ
- א קאלעדזש ארבעט-שטודיע פאסטן
- אקטיוויטעטן אלס א פובליק/אויפגענומענע באאמטער
- יערליכע פעלד טרענירונג פאר די נאציאנעלע גווארדיע אדער רעזערווס
- ארבעט געמאכט אויף א סטרעיט-קאמישאן באזיס (גערעכנט אלס ארבעט אפילו אויב איר באקומט נישט קאמישאן ביז שפעטער, סעילס זענען נישט געמאכט געווארן, אדער איר באקומט נישט קיין באצאלונג)
- אן ארבעט אינטערוויו, וואו א מעגליכע ארבעטסגעבער בעט אייך צו ארבעטן - מיט אדער אן באצאלט - צו ווייזן אז איר קענט טון די ארבעט
- אקטיוויטעטן פארבינדן מיט אנהויבן א ביזנעס (סיידן איר זענט באשטעטיגט געווארן פאר און נעמט אנטייל אינעם דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס זעלבסט-עמפלוימענט הילף פראגראם)
- אלע אקטיוויטעטן פאר וואס איר באקומט נישט-געלטליכע באצאלונגען אדער בענעפיטן אזוויי נידריגערע רענט, אדער אומזיסטע אדער ביליגערע שטאף אדער סערוויסעס

איר דארפט נישט באריכטן די סארט אקטיוויטעטן אלס ארבעט:

- דזשורי פליכט
- נישט אקטיווע דיוטי פאר טרענירונג מיט אן אפטיילונגע פונעם מיליטער
- וועכנטליכע אדער חודש'ליכע דריל סעסיעס פאר די נאציאנעלע גווארדיע אדער רעזערווס
- סיי וועלכע אקטיוויטעטן פארבינדן מיט מענעדזשען אן איין-פאמיליע דינגען יוניט (צום ביישפיל: א צוויי פאמיליע הויז וואו איר וואוינט אויבן און דינגט ארויס די דירה אונטן, אדער איר דינגט ארויס אייער הויז)

אויב איר ארבעט אויף א שיפט וואס גייט אריבער מיטל-נאכט, זאגט אז איר האט געארבעט די טאג אין וואס אייער שיפט האט זיך אנגעהויבן ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן. דער אויסנאם: אויב איר ארבעט אויף א שיפט וואס הויבט זיך אן 7 פארנאכטס אדער שפעטער זונטאג און גייט אריבער מיטל-נאכט, זאגט אז איר האט געארבעט מאנטאג ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

**איר מוזט באריכטן סיי וועלכע און אלע ארבעט.** אלע ארבעטסגעבערס זענען פארלאנגט צו באריכטן די פאקט אז א מענטש איז געווארן אויפגענומען אדער ווידער אויפגענומען צום נאציאנעלע דירעקטארי פון נייע ארבעטערס. די אינפארמאציע ווערט מיטגעטיילט מיט די פעדעראלע רעגירונג און די דעפארטמענט אוו לעיבאר צו פארזיכערן אז קינדער שטיצע פליכן ווערן באצאלט און אויך צו מאכן זיכער אז מענטשן ארבעטן נישט דערוויל וואס זיי באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. יעדעס מאל איר פרובירט צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן, ווערט אייער נאמען באקוקט קעגן די נאציאנעלע דירעקטארי פון נייע ארבעטערס. אויב אייער נאמען ערשיינט אינעם דירעקטארי, וועט איר באקומען אנווייזונגען איבער וויאזוי צו לעזן דעם פראבלעם. איר מוזט ענטפערן פראגעס וועגן אייער ארבעט אדער אנליין אדער דורך רופן די אינטעגריטי ליניע, פאר איר קענט קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן. אייער אינפארמאציע וועט אויך ווערן באשטעטיגט מיטן ארבעטסגעבער וואס האט אייך באריכטעט אלס אויפגענומען אדער ווידער אויפגענומען.

אויב איר זענט נישט זיכער אויב וואס איר טוט ווערט גערעכנט אלס ארבעט, אדער אויב איר מאכט א נישט ריכטיגע סערטיפיקאציע פאר בענעפיטן, ביטע פארבינדט זיך שווין מיט די טעלעפאן קלעימס צענטער* און רעדט מיט א פארשטייער. איר קענט איינגעבן א פראגע דורך א פארזיכערטע מעסעדזש אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב ניי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). אינעם מעסעדזש, ערקלערט וואס איר האט געטון און פרעגט אויב עס ווערט גערעכנט אלס ארבעט. אויב איר פארבינדט זיך נישט מיט אונז, קענט איר דארפן צוריקצאלן בענעפיטן און זיין אויסגעשטעלט צו ציווילע שטראפן און די פארלוסט פון צוקונפטיגע בענעפיטן.

**וויכטיג: באריכט אלע ארבעט ביים קלעימ'ן בענעפיטן. איר זענט נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן פאר סיי וועלכע וואך אין וועלכע איר ארבעט מער ווי 30 שעה אדער פארדינט מער ווי די מאקסימום בענעפיט ראטע.**

## איך האב פרובירט צו קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן, אבער דער טעלעפאן סיסטעם לאזט מיר נישט סערטיפייען. איך באקום א מעסעדזש אז איך דארף זיך אריינשרייבן צו labor.ny.gov אדער רופן א געוויסע טעלעפאן נומער. וואס גייט פאר?

דער דעפארטמענט אוו לעיבאר האט ערהאלטן אינפארמאציע וואס ציינגט אז עס קען זיין אז איר האט געארבעט דערוויל וואס איר האט סערטיפייד'ט אז איר האט נישט געארבעט. עס קען זיין אז די אינפארמאציע איז געקומען פון אן ארבעטסגעבער אדער א נאציאנעלע דאטעבעיס וואס מיר באקוקן קעגן וועכנטליכע סערטיפיקאציעס. אמאל ציינגט די דאטעבעיס אז איר האט געארבעט אפילו איר זענט לעצטנס געווארן ארבעטסלאז. ווען דאס פאסירט, מוזן מיר עס אויספארשן און באשטעטיגן אז איר זענט טאקע ארבעטסלאז.

דאס צו שליכטן, מוזט איר גיין צו **labor.ny.gov/signin** און אויספאלגן די שריט צו קלעימ'ן וועכנטליכע ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. זייט גרייט מיט אלע דאטומען וואס איר האט געארבעט זייט די אנהויב פון אייער קלעים. איר וועט אויך דארפן געבן די נעמען און אדרעסן און טעלעפאן נומערן פון אלע ארבעטסגעבערס פאר וועמען איר האט געארבעט זייט די אנהויב פון אייער קלעים. אויב איר האט נישט צוטריט צו א קאמפיוטער, מאכט גרייט אייער ארבעט אינפארמאציע און רופט **877-280-4541**.

## וואס איז אויב איך וויל אנהויבן מיין אייגענע ביזנעס?

רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער* **פאר** איר נעמט סיי וועלכע שריט צו אנהויבן א ביזנעס, גייט אריין אין אן עקזיסטירנדע ביזנעס, מאכט צוריק אויף א פארמאכטע ביזנעס, אדער ווערט סיי וועלכע סארט באאמטער אין סיי וועלכע ביזנעס. איר זענט גערעכנט אלס האבן ארבעט אויב איר פירט אדער מאכט אויף א ביזנעס אליין, מיט א שותף אדער מיט א קארפארעיט אפמאך. דאס שליסט איין צייט דורכאויס דעם טאג, אוואנט אדער ענדע וואך, אפילו אויב מען מאכט נישט קיין געלט. סיידן איר האט זיך איינגעשריבן אין די זעלבסט-עמפלוימענט הילף פראגראם, קענען ביזנעס אנהויב אקטיוויטעטן פאראורזאכן אז איר זאלט פארלירן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. פאר מער אינפארמאציע וועגן די זעלבסט-עמפלוימענט הילף פראגראם ביטע זעט אונזער וועבזייטל אויף **labor.ny.gov/seap** און ***"אנהויבן א ביזנעס: די זעלבסט-עמפלוימענט הילף פראגראם (Self-employment Assistance Program, SEAP)"* אין קאפיטל 11.**

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס איז אויב איך בין אן אויפגענומענע באאמטער?

אויב איר טוט ארבעט, סערוויסעס אדער אקטיוויטעטן אלס אן אויפגענומענע באאמטער, איז עס גערעכנט אז איר האט געארבעט אויף די טעג אין וואס איר האט געטון די פליכטן. עס מאכט נישט אויס וואס די ארבעט איז, וויפיל צייט איר האט פארברענגט אויף דעם יעדן טאג, אדער אויב איר האט יא אדער נישט פארדינט געלט אדער סיי וועלכע אנדערע באצאלונג. **אלע ארבעט, אפילו א שעה אדער ווייניגער, געמאכט אין פארבינדונג מיט אייער אויפגענומענע אפיס מוז ווערן דערקלערט אלס ארבעט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן.**

## וואס איז אויב איך טוה וואלונטיר ארבעט?

איר קענט זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן ווען איר וואלונטירט. אבער איר מוזט באריכטן די פאלגנדע וואלונטיר אקטיוויטעטן אלס ארבעט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן:

- וואלונטיר ארבעט וואס שטערט אייער מעגליכקייט פון זוכן אן ארבעט אדער וואס אפעקטירט די צאל טעג אדער שעות וואס איר זענט אוועילעבל צו ארבעטן
- וואלונטיר ארבעט וואס איז א טובה פאר א פריינט'ס אדער קרוב'ס ביזנעס
- וואלונטיר ארבעט וואס איר טוט אין שולע אלס אויפטויש פאר שכר לימוד פארמינערונג אדער סקאלערשיפ
- וואלונטיר ארבעט וואס איר מאכט פאר א נישט-פאר-פראפיט קארפארעישאן וואס איר האט געגרינדעט אדער אין וואס איר זענט א באאמטער אדער באורד מעמבער
- וואלונטיר ארבעט פאר וואס איר באקומט א געהאלט וואס איז מער ווי די מינימום וועידזש
- וואלונטיר ארבעט וואס איר טוט אלס א תנאי פון פריער צו ווערן אויפגענומען אדער ווידער אויפגענומען פאר א באצאלטע פאזיציע
- וואלונטיר ארבעט וואס איר טוט אלס טייל פון אן אינטערנשיפ אדער אנדערע ביים-ארבעט טרענירונג פראגראם, און
- וואלונטיר ארבעט פאר פראפעסיאנעלע לייסענסינג טעסטס אדער צו באקומען אנדערע קרעדענשעלס

איר דארפט נישט באריכטן וואלונטיר אקטיוויטעטן אויסער די אויסגערעכנט אויבן אלס ארבעט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן. דאס שליסט איין וואלונטיר ארבעט פאר צדקה, רעליגיעזע אדער קולטורישע ארגאניזאציעס. אבער, איר מוזט זיין:

- גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן
- מאכן סיסטעמאטישע און אנהאלטנדע השתדלות צו געפינען ארבעט
- האלטן אן אנליין אדער געשריבענע ארבעט זוך רעקארד פאר יעדער וואך וואס איר פאדערט בענעפיטן, און
- זיין גרייט צו געבן א קאפיע פון דעם ארבעט זוך רעקארד צו די דעפארטמענט אוו לעיבאר (ביטע זעט ***"וואס זענען די ארבעט זוכן פאדערונגען?" אין קאפיטל 7)***

אויב איר זענט נישט זיכער אויב אייער וואלונטיר ארבעט ערלויבט אייך צו נאכקומען אלע די באדינגונגען, זאלט איר אונז שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב ניי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "קלעימס פראגע-אנדערע" (Claims Questions-Other). אינעם מעסעדזש, ערקלערט אייער וואלונטיר ארבעט. אדער, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער* צו געבן אלע דעטאלן פון אייער וואלונטיר ארבעט פאר איר קלעימ'ט בענעפיטן פאר יענע וואך.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## האלט אייער אדרעס און טעלעפאן נומער דערהיינטיגט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן

ארבעטסלאזיקייט אינשורענס פאסט קען נישט ווערן איבערגעשיקט דורך די פאסט אפיס. אייערע בענעפיטן קענען שפעטיגן אויב איר ענטפערט נישט פארלאנגען פאר אינפארמאציע אדער אן אפוינטמענט מעלדונג וואס איז געשיקט געווארן צו אייער אדרעס אויפן' רעקארד.

איר קענט דערהיינטיגן אייער אדרעס אדער טעלעפאן נומער מיט'ן דעפארטמענט אוו לעיבאר ווען איר קלעימ'ט אייערע וועכנטליכע בענעפיטן אנליין. שרייבט אייך אריין אין אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. קליקט אויפן "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס" (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט. קליקט אויף "דערהיינטיג אייער פערזענליכע אינפארמאציע" (Update Your Personal Information). קליקט אויפ'ן "טויש אייער אדרעס און/אדער אייער טעלעפאן נומער" (Change Your Address and/or Your Phone Number) קנעפל צו טוישן אייער אדרעס און/אדער טעלעפאן נומער.

איר קענט אויך דערהיינטיגן אייער פאסט אדרעס דורך שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש. גייט צו **labor.ny.gov/signin** לייגט אריין אייערע יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב נייי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "פערזענליכע אינפארמאציע" (Personal Information). וועלט אויס צווייטע טעמע: "אדרעס/טעלעפאן נומער טויש" (Address/phone number change). אינעם מעסעדזש, לייגט אריין אייער פאסט אדרעס און דאן קליקט "שיק" (Send).

צו דערהיינטיגן אייער פאסט אדרעס אדער טעלעפאן נומער דורכ'ן טעלעפאן, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער און וועלט אויס מעניו אויסוואל "פאר PIN אדער אדרעס טוישונגען" צו טוישן אייער אדרעס אדער טעלעפאן נומער.

אויב איר ציעט זיך ארויס פון ניו יארק סטעיט, קענט איר זיין פארלאנגט צו באריכטן אייער ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס אפוינטמענט אינעם סטעיט וואו איר וואוינט.

## וואס זאל איך טון אויב מיין נאמען טוישט זיך?

איר מוזט אונז שיקן א בריוו מיט לעגאלע דאקומענטן (אזויווי א קאפיע פון א הייראט סערטיפיקאט, סערטיפייד רעקארד פון א גט, סערטיפייד קאורט באפעל, אדער א גילטיגע, נישט אויסגעלאפענע יונייטעד סטעיטס פאספארט מיט אייער יעצטיגע נאמען) וואס באשטעטיגט די נאמען טויש און שיקט עס אויף פאסט צו:

New York State Department of Labor<br>PO Box 15130<br>Albany, NY 12212-5130

איר קענט שיקן א נאמען טויש פארלאנג דורך א פארזיכערטע מעסעדזש דורך אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב נייי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "פערזענליכע אינפארמאציע" (Personal Information). וועלט אויס צווייטע טעמע: "אדרעס/טעלעפאן נומער טויש" (Address/phone number change). אינעם מעסעדזש, שרייבט אריין אייער נייע נעמאן און ערקלערט וועלכע לעגאלע דאקומענטן איר שיקט. לייגט צו א PDF פון אייער לעגאלע דאקומעט צו אייער פארלאנג (מיר ווילן PDF פארמאט).

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124.  TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 7 וואס זענען די ארבעט זוכן פאדערונגען?

## דארף איך זוכן ארבעט?

יא, איר מוזט אקטיוו זוכן ארבעט בשעת איר קלעימ'ט בענעפיטן. לויט ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ, מוזט איר מאכן "סיסטעמאטישע און אנהאלטנדע השתדלות צו געפינען ארבעט" ווי ערקלערט אונטן. איר מוזט אויך צושטעלן באווייז פון אייער ארבעט זוכן השתדלות צו די דעפארטמענט אוו לעיבאר, אויב זיי טוען דאס פארלאנגען. וויכטיג: איר קענט ווערן צוריקגעוויזן בענעפיטן אויב איר טוט נישט מאכן סיסטעמאטישע און אנהאלטנדע השתדלות צו געפינען ארבעט.

## וואס ווערט באטראכט ווי סיסטעמאטישע און אנהאלטנדע השתדלות צו געפינען ארבעט?

סיסטעמאטישע און אנהאלטנדע השתדלות צו געפינען ארבעט מיינט טון כאטש דריי סארט ארבעט זוך אקטיוויטעטן יעדע וואך וואס איר קלעימ'ט בענעפיטן. איר קענט נאר ווערן פרייגעלאזט פון די פאדערונג אויב איר האט אן ארבעט זוך פלאן באשטעטיגט דורך די דעפארטמענט אוו לעיבאר אדער איר זענט באשטימט אלס באפרייט פון דער ארבעט זוך פאדערונג פון די דעפארטמענט אוו לעיבאר. ביטע זעט "וואס איז א ארבעט זוכן פלאן?" און "ווער איז פטור פון זוכן ארבעט?" אין קאפיטל 7.

- ארבעט זוך אקטיוויטעטן קען אריינגעמען, אבער זענען נישט באגרעניצט צו:

1. נוצן ארבעט רעסורסן וואס געפינען זיך אין די לאקאלע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, אזוי ווי
   - זיך טרעפן מיט קאריערע צענטער אנווייזערס,
   - באקומען אינפארמאציע פון די קאריערע צענטער שטאב וועגן שטעלעס וואס קען זיין אוועילעבל אין א געוויסע אינדוסטריע אדער געגנט (באקומען ארבעט מארקעט אינפארמאציע),
   - ארבעטן מיט קאריערע צענטער איינגעשטעלטע צו אפשאצן אייערע מעגליכקייטן און עס צוזאמפארן מיט מעגליכע ארבעט (מעגליכקייט אפשאצונגען פאר ארבעט צוזאמפארן),
   - אנטיילנעמען אין אינסטרוקציאנאלע ווארקשאפס, און
   - באקומען ארבעט רעפערעלס און ארבעט צוזאמפארן פון די קאריערע צענטער און אנהאלטן קאנטאקט מיט די ארבעטסגעבער.
2. אריינגעבן אן ארבעט אפליקאציע און/אדער רעזומעי צו ארבעטסגעבער אדער געוועזענע ארבעטסגעבער וואס קענען מעגליך האבן עפענונגען.
3. אנטייל נעמען אין ארבעט זוך סעמינארס, געסקעדזשועלטע קאריערע נעטווארקינג זיצונגען, ארבעט פעירס אדער ווארקשאפס וואס שלאגן פאר אנווייזונגען אין פארבעסערן סקילס צו באקומען ארבעט
4. אינטערוויוינג מיט מעגליכע ארבעטסגעבער
5. זיך איינשרייבן און זיך נאכפרעגן מיט פריוואטע ארבעט אגענטורן, פלעיסמענט סערוויסעס, יוניאנס און פלעיסמענט אפיסעס פון שולעס, קאלידזשעס אדער אוניווערסיטעטן און/אדער פראפעסיאנאלע ארגאניזאציעס.
6. נוצן די טעלעפאן, ביזנעס דירעקטאריעס, אינטערנעט אדער אנליין ארבעט-צאמפארן סיסטעמס, צו זוכן ארבעט, באקומען לידס, בעטן רעפעראלס אדער מאכן אפוינטמענטס פאר ארבעט אינטערוויוס
7. זיך רעגיסטרירן מיט, זיך איינגעבן פאר, אדער נעמען ארבעט-פארבינדענע אדער פארן-אויפנעמען טעסטס פאר א פובליק אדער פריוואטע ארבעטסגעבער, אריינגערעכנט ציווילע סערוויס פארהערן.
8. סיי וועלכע מעסיגע אקטיוויטעט וואס קען אייך העלפן באקומען ארבעט

## וואס ווערט באטראכט ווי פאסיגע באווייזן פון מיין ארבעט זוכן אקטיוויטעטן?

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

איר מוזט האלטן אן אנליין אדער געשריבענע ארבעט זוך רעקארד פאר יעדער וואך וואס איר פאדערט בענעפיטן און זיין גרייט צו געבן א קאפיע פון דעם רעקארד צו די דעפארטמענט אוו לעיבאר אויב מיר בעטן פאר עס. די רעקארד מוז אריינגעמען דאטומען, נעמען, אדרעסן (פאסט, אימעיל אדער וועב אדרעס) און טעלעפאן נומערן פון ארבעטסגעבער מיט וועמען מען האט זיך פארבינדן, נעמען און/אדער ארבעט טיטלען פון ספעציפישע מענטשן מיט וועמען מען האט זיך פארבינדן, קאנטאקט מיטלען גענוצט, שטעלע אדער ארבעט טיטל פאר וואס מען האט זיך איינגעגעבן אדער א באשרייבונג פון אנדערע השתדלות פאר זוכן ארבעט (אנטייל נעמען אין ארבעט פעירס אדער ווארקשאפס, א.א.וו.). מיר וועלן נאכגיין די אינפארמאציע אויף די בויגן מיט די אנגעגעבענע קאנטאקטן.  אויב איר גיבט אונז וויסנדיג פאלשע סטעיטמענטס וועגן אייער ארבעט זוכן אקטיוויטעטן, איז עס גערעכנט ווי שווינדל, און מיר קענען אפזאגן די בענעפיטן פון ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

אויב איר באשליסט צו האלטן אייער רעקארד אנליין, טוען מיר רעקאמענדירן איר זאלט נוצן אונזער JobZone וועבזייטל אויף **dol.ny.gov/jobzone** עס טוט צושטעלן איין ארט וואו איר קענט זיכערערהייט אפדעיט'ן און האלטן אלע אייער ארבעט זוכן רעקארדס אין א זיכערע עלעקטראניש טעקע: זיכער פון פייער, גניבה אדער טעות'דיגע פארלוסט. צוצוקומען צו אייער JobZone אקאונט, קליקט פשוט אויף די JobZone ארבעט זוכן רעקארד לינק צוגעשטעלט ווען איר קלעימט אייער וועכנטליכע בענעפיטן אנליין, אדער גייט צו **labor.ny.gov/signin**. אויב איר האט שוין אן אנליין ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אקאונט, האט איר א JobZone אקאונט.  אויב איר האט פראגעס וועגן מאכן אייער אקאונט, ביטע פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער.

אויב איר נוצט נישט די אנליין ארבעט זוך רעקארד אין JobZone, טוען מיר רעקאמענדירן פאר אייך צו האלטן א רעקארד פון אייער ארבעט זוכן אקטיוויטעטן יעדער וואך נוצנדיג די ארבעט זוך רעקארד בויגן וואס ליגט אין דעם וועגווייזער.  איר קענט אויך האלטן אן ענליכע געשריבענע רעקארד אנשטאט פון די ארבעט זוך רעקארד בויגן אויב עס ענטהאלט די פארלאנגטע אינפארמאציע. פאר סיי וועלכע געשריבענע פארמאט איר וועלט אויס, לייגט צו שטיצנדע דאקומענטאציע. למשל, אויב איר געבט זיך איין פאר אן ארבעט אנליין, דרוקט א קאפיע פון דער אפליקאציע אדער דער ארבעטסגעבער'ס באשטעטיגונג פון דער אפליקאציע. אויב איר שיקט א רעזומעי אדער אפליקאציע דורך אימעיל, לייגט אוועק א געדרוקט קאפיע פון אלע קארעספאנדענץ. איר זאלט אויך האלטן א קאפיע פון אייער געשיקטע פאסט לאג אדער דער ארבעטסגעבער'ס באשטעטיגונג פון די רעזומעי אדער אפליקאציע. אנדערע ביישפילן פון דאקומענטאציע טוען אריינגעמען דרוקערייען פון אנליין זוכן השתדלות, אן ארבעט פעיר ארבעטסגעבער ליסטע, א פראספעקטיוו ארבעטסגעבער'ס ביזנעס קארטל, א.א.וו. איר קענט באקומען מער ארבעט זוך רעקארדס בויגנס ביי א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, אנליין אויף labor.ny.gov אדער ביים ענדע פון דעם וועגווייזער.

## ווי לאנג מוז איך האלטן מיין ארבעט זוכן רעקארדס?

אויב איר האט נישט געהאלטן אייער ארבעט זוך רעקארדס אין JobZone, דאן האלט קאפיעס פון אייער געשריבענע ארבעט זוך רעקארדס פאר איין יאר. אויב מיר בעטן צו זען אייערע רעקארדס, מוזט איר אונז געבן קאפיעס. איר זאלט נישט שיקן אייער ארבעט זוכעריי רעקארד צו די דעפארטמענט אוו לעיבאר נאר אויב מיר פארלאנגען עס פון אייך. **מיר פירן דורך צופעליגע איבערזיכטן פון ארבעט זוך רעקארדס**. אויב אונזער איבערזוכט געפינט אז איר טוט נישט נאכקומען די ארבעט זוך פארלאנגען, וועלן בענעפיטן ווערן צוריקגעוויזן און צוריקצאל קען זיין פארלאנגט.

## וואס איז אן ארבעט זוכן פלאן?

א ארבעט זוך פלאן איז א פארמאלע הסכם וואס איז אנטוויקלט און אונטערגעשריבן דורך אייך און אייער ווארקפארס אדווייזער אין א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער. נישט יעדער וועט זיין פארלאנגט צו אנטוויקלען א פארמאלע ארבעט זוך הסכם. דער הסכם שרייבט גענוי וועלכע סארט(ן) פון ארבעט איר זוכט, וועלכע ארבעט זוך אקטיוויטעטן איר וועט טון און ווי אפט איר וועט זיי טון און די באצאלט וואס איר מוזט זוכן און אננעמען, אויב איר ווערט פארגעשלאגן אן ארבעט. דער פלאן וועט אויך אדרעסירן סיי וועלכע באגרעניצונגען וואס קענען ווירקן אויף אייער ארבעט זוכן. איר קענט זיין פארלאנגט צו אנטוויקלען א פארמאלע ארבעט זוכן פלאן אויב מיר געפינען אז אייער יעצטיגע ארבעט זוכן אקטיוויטעטן זענען נישט גענוג, אויב פעדעראלע פראגראמען פארלאנגען אייך צו האבן איינס אדער בעטן איינס. (זעט מאנדאטארי קאריערע צענטער מיטינגס אונטן.)

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124.  TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## ווער איז פטור פון ארבעט זוכן?

דער דעפארטמענט או לעיבאר וועט זאגן אייב איר זענט פטור פון די ארבעט זוכן פאדערונגען ווען איר גיבט אריין אייער קלעים. א קאריערע צענטער שטאב מיטגליד קען אייך אויך זאגן אויב איר זענט פטור. איר קען זיין פטור אויב איר זענט:

- צייטווייליג אפגעלייגט אדער ארבעט סיזענאל און אייער ארבעטסגעבער האט אייך געגעבן א שריפטליכע קלארע צוריק-צום-ארבעט דאטום פון ביז אכט נאכאנאנדע וואכן. אייער ארבעטסגעבער קען געבן א נייע צוריק-צום-ארבעט דאטום און א שריפטליכע פארלאנג אז די דעפארטמענט או לעיבאר זאל אויטאריזירן ביז נאך פיר וואכן
- א יוניאן מיטגליד וואס מוז באקומען ארבעט דורך דעם יוניאן. איר מוזט נאכקומען די יוניאן'ס מיטגלידערשאפט און ארבעט זוך פארלאנגען
- אנטיילנעמען אין א טרענירונג פראגראם באשטעטיגט דורך די דעפארטמענט או לעיבאר, אזוי ווי די באשטעטיגט אונטער ניו יארק סטעיט ארבעט געזעץ 599§
- דינען אויף א זשורי
- אנטיילנעמען אין א דעפארטמענט או לעיבאר-באשטעטיגטע מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם
- אנטיילנעמען אין א דעפארטמענט או לעיבאר-באשטעטיגטע זעלבסט-עמפלוימענט הילף פראגראם (SEAP)
- געדעקט דורך סיי וועלכע באפרייאונג פארלאנגט דורך סטעיט אדער פעדעראלע געזעץ אדער געגעבן אדער פארלענגערט דורך די דעפארטמענט או לעיבאר און איינשטימיג מיט סטעיט אדער פעדעראלע געזעצן, כללים, רעגולאציעס, אדער אנווייזונג.
- אננעמען אן עכטע אנבאט פון ארבעט אנגעהויבן אין א געהעריגע צייט ווי באשטימט דורך די דעפארטמענט או לעיבאר.

## וועלכע סארט ארבעט דארף איך זוכן? קען איך אפזאגן אן ארבעט ווייל די געהאלט איז צו ווייניג?

איר מוזט זוכן פאר און זיין גרייט צו אננעמען "פאסיגע ארבעט" דערוויל וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. פאסיגע ארבעט איז ארבעט וואס איר קענט לאגיש טון צוליב פריערדיגע טרענירונג און ערפארונג.

**פאר די ערשטע 10 וואכן וואס איר קלעימ'ט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן,** מיינט פאסיגע ארבעט אז איר מוזט זוכן פאר ארבעט אין אלע פון אייער מערסטע-לעצטיגע סארטן ארבעט.

עס איז וויכטיג צו פארשטיין די באגריף פון וואס ווערט אנגערופן די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפהאק וועידזש. די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפהאק ווערדזש איז א ווערדזש וואס איז 10% ווייניגער ווי די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנהאלטנדע ווערדזש פאר א ספעציפישע פאסטן. איר קענט געוואר ווערן וואס די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנהאלטענדע געהאלט און אפשניט געהאלט איז פאר סיי וועלכע פאסטן אויף אונזער וועבזייטל **statistics.labor.ny.gov/uiwages.shtm** אדער דורך פרעגן שטאב ביי די ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער.

אויב איר ווערט אנגעטראגן אן ארבעט וואס באצאלט כאטש אזויפיל ווי די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפהאק ווערדזש פאר א פאסטן אין אייער מערסט לעצטיגע ארבעט, מוזט איר עס אננעמען אדער ריזיקירט איר פארלירן אייערע בענעפיטן. אויב איר ווערט אנגעטראגן אן ארבעט וואס באצאלט נישט כאטש אזויפיל ווי די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפהאק ווערדזש מעגט איר עס אפזאגן צוליב אנהאלטנדע ווערדזש סיבות. אבער, אויב איר האט אפגעזאגט א פאסטן, אפילו אויב עס קומט נישט נאך די אנהאלטנדע געהאלט פאדערונגען אדער איר האלט עס איז נישט פאסיג, **מוזט איר נאכאלס זאגן פארן דעפארטמענט או לעיבאר** אין אייער וועכנטליכע סערטיפיקאציע. דאס זאל ווערן באריכטעט אין די וואך וואס איר האט טאקע געמאכט די באשלוס צו אפזאגן די ארבעט, נישט אין די וואך וואס איר וואלט אנגעהויבן די ארבעט.

**נאך איר האט גע'קלעימ'ט 10 גאנצע וואכן פון ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן**, וועט די מיינונג פון וואס ווערט גערעכנט אלס פאסיגע ארבעט אויסגעברייטערט ווערן צו אריינרעכענען סיי וועלכע ארבעט וואס איר **קענט** טון, אפילו איר האט נישט קיין ערפארונג אדער טרענירונג אין די סארט ארבעט. אויב איר ווערט אנגעטראגן אן ארבעט נאכ'ן קלעימ'ן בענעפיטן פאר 10 וואכן, מוזט איר עס אננעמען אויב:

- איר קענט טון די ארבעט
- עס צאלט כאטש 80% פון אייער הויכע-פערטל באזע-טערמין ווערדזשעס, און
- עס באצאלט כאטש אזויפיל ווי די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפהאק ווערדזש פאר די סארט ארבעט

**איר קענט ווערן אומקוואליפיצירט פון באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אויב:**

- איר זאגט זיך אפ פון אן ארבעט וואס קומט נאך די דריי באדינגונגען נאך איר האט באקומען 10 וואכן פון בענעפיטן
- איר ענטפערט נישט צו אן ארבעט פארשלאג (דאס איז די זעלבע ווי זיך אפזאגן פון אן ארבעט)

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס איז אויב איך זאג אפ אן ארבעט וואס קומט נאך די געהאלט פאדערונגען ווי ערקלערט אין די פראגע אויבן, אבער שטעלט צו ווייניגער זייטיגע בענעפיטן פון די וואס ענליכע פאסטנס געבן?

סיי ווען איר זאגט אפ אן ארבעט פארשלאג, מוז דער דעפארטמענט אוו לעיבאר איבערקוקן די אומשטענדן. אין טייל פעלער, קענט איר ווייטער באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, סיידן די ארבעט שלאגט פאר העכערע ווערדזשעס צו פארגיטיגן פאר די מאנגל פון אדער ווייניגער ווערד פון זייטיגע בענעפיטן. אויב איר זאגט זיך אפ פון אננעמען אן ארבעט צוליב קיין אדער מינדערוויכטיגע בענעפיטן, זייט גרייט צו צושטעלן מער אינפארמאציע.

## וואס איז מיין לאקאלע לעיבאר מארקעט ארט?

אין אלגעמיין, איז אייער לאקאלע לעיבאר מארקעט ארט אפגעטייטשט אלס די ארט וואס איר קענט צוקומען אינערהאלב איין שעה דורך פריוואטע טראנספארטאציע אדער איין-און-א-האלב שעה דורך פובליק טראנספארטאציע. איר זאלט זיך פילן ערלויבט צו פארברייטערן אייער ארבעט זוך ווייטער ווי די ערטער. וואו באנוצט אין די וועגווייזער, איז אייער לאקאלע מארקעט ארט סיי וועלכע טייל פון ניו יארק סטעיט און אינערהאלב פיפציג (50) מייל פון איר גרעניצן.

## ווי ווייט אוועק דארף איך זוכן ארבעט?

איר מוזט זיין גרייט צו רייזן א מעסיגע ווייטקייט כדי אנצוקומען צו דער ארבעט. אין אלגעמיין איז לאגישע ווייטגייט א רייזע פון איין שעה דורך פריוואטע טראנספארטאציע אדער איין-און-א-האלב שעה דורך פובליק טראנספארטאציע.

## ניו יארק סטעיט קאריערע צענטערן

אונזער ניו יארק סטעיט קאריערע צענטערן שטעלן צו סערוויסעס וואס וועלן אייך העלפן טרעפן אן ארבעט שנעלער. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט אונזער קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג. אנגעבאטענע סערוויסעס שליסן איין:

- רעזומעי שרייבן און אינטערוויו סקילס
- קאריערע עצות און אנווייזונג
- סקילס אפשאצונגען צו העלפן באשטימען וועלכע ארבעט קען זיין פאסיג פאר אייך
- ארבעט זוך ווארקשאפס
- אינפארמאציע וועגן ארבעט אוועילעבל אין א סעפיציפישע ארט אדער אינדוסטרי (לעיבאר מארקעט אינפארמאציע)
- ארבעט רעפערעלס
- אינפארמאציע וועגן טרעינירונג מעגליכקייט און רעפערלס פאר טרעינירונג ווען פאסיג

## מאנדאטארי קאריערע צענטער מיטינגס

איר קענט ווערן פארלאנגט צו ערשיינען צו א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער. אויב אזוי, וועט מען אייך שיקן א בריוו מיט'ן אפוינטמענט דאטום, צייט, און ארט. אויב איר קענט נישט זיין אנוועזנד ביים אפוינטמענט צוליב דעם וואס איר ארבעט אדער פאר אן אנדערע סיבה, רופט די ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער ווי פריער צו מאכן א נייע אפוינטמענט. אויב איר קענט נישט צוקומען צו א מענטש ווען איר רופט און איר מוזט לאזן א מעסעדזש צו בעטן מען זאל אייך צוריק רופן, איינער זאל אייך צוריקרופן אינערהאלב 24 שעה. אויב מען רופט אייך נישט צוריק אינערהאלב 24 שעה פון לאזן א מעסעדזש, ביטע שיקט אונז א פארזיכערטע מעסעדזש דורך אייער אנליין אקאונט. זעט ***"ביילאגע II: שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש" אין קאפיטל 14*** פאר אנווייזונגען אדער רופט נאכאמאל. גייט צו **labor.ny.gov/career-center-locator** צו טרעפן די קאריערע צענטער וואס איז די נענסטע צו אייך.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

קאריערע צענטערן אפוינטמענטס זענען געאייגנעט אייך צו העלפן טרעפן אן ארבעט שנעלער. צום ביישפיל, מיר קענען אייך העלפן אנטוויקלען א שריפטליכע ארבעט זוך פלאן וואס אדרעסירט אייער ספעציפישע געברויכן. אויב עס איז מעגליך אז איר וועט אויסנוצן אייערע בענעפיטן, קענט איר ווערן פארלאנגט צו אנטייל נעמען אין אנדערע פראגראמען. מיר ווענן אייך זאגן וואו און ווען די מיטינגס אדער פראגראמען וועלן פארקומען.

איר קענט באקומען א דערמאנונג וועגן א צוקונפטיגע מיטינג דורך די **NY.gov** פארזיכערטע מעסעדזש סיסטעם אדער דורך א טעלעפאן קאל פון די NYS הייער עדיוקעישאן טעלעפאן ליניעס, אין צוגאב צום בריוו געשיקט אויף פאסט.

## וואס פאסירט אויב איך פארפאס מיין קאריערע צענטער מיטינג?

**אויב איר גייט נישט צו אייער קאריערע צענטער אפוינטמענטס אדער איר ענטפערט נישט דעם בריוו, וועלן אייערע בענעפיטן שוין אפגעשטעלט ווערן.** די ערשטע זאך וואס איר דארפט טוען איז זאפארט גיין, פערזענליך, צו די ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער אויסגערעכנט אויף אייער אפוינטמענט מעלדונג בשעת יענע צענטער'ס נארמאלע ביזנעס שעות. איר דארפט נישט אן אפוינטמענט. איר קענט אויך באריכטן דורך רופן יענע קאריערע צענטער און רעדן מיט א דערפארטמענט און לעיבאר שטאב פערזאן. רופט נישט די טעלעפאן קלעימס צענטער,* וויבאלד זיי קענען אייך נישט העלפן ביז איר זענט ערשינען צום קאריערע צענטער.

אויב מיר באשטימען אז איר האט נישט געהאט א גילטיגע סיבה צו פארפאסן אייער אפוינטמענט און איר האט זיך נישט פארבינדן מיט'ן קאריערע צענטער, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן פאר יענע וואך (די וואך וואס איר האט נישט אנטייל גענומען אין אייער אפוינטמענט) און יעדע וואך נאכדעם ביז איר פארבינדט זיך פערזענליך מיט'ן קאריערע צענטער.

נאך איר זענט ערשינען צום קאריערע צענטער, וועט איר ווערן אנגעזאגט צו אויספולן אן אנליין פראגע בויגן וואס מוז ווערן אריינגעגעבן אינערהאלב 48 שעה. פולט אויס דעם פראגע בויגן ביים קאריערע צענטער פאר שנעלערע אריינגעבונג און איבערזוכט. מיר וועלן איבערקוקן אייער פראגע בויגן צו באשטימען אייער בארעכטיגונג פאר בענעפיטן אין די צייט וואס איר זענט נישט ערשינען.

אייערע בענעפיטן וועלן ווערן צוריקגעהאלטן פון די וואך פון אייער פארפאסטע אפוינטמענט ביז די וואך וואס איר ערשיינט צום קאריערע צענטער. אויב מיר געפינען אז איר האט נישט געהאט א גוטע סיבה צו פארפאסן אייער אפוינטמענט, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען באצאלונג פאר די צוריקגעהאלטענע וואכן. איר מוזט ווייטער סערטיפייען וועכנטליך דערווייל וואס אייערע בענעפיטן ווערן צוריקגעהאלטן פאר יעדע וואך וואס איר זענט ארבעטסלאז און קומט נאך די בארעכטיגונג פאדערונגען.

**באמערקונג:** אויב איר האט אנגענומען אן ארבעט פארשלאג מיט א צוקונפטיגע אנהויב דאטום, פארבינדט זיך מיטן קאריערע צענטער ווייל איר וועט זיי דארפן צייגן באוויז פונעם פארשלאג און די אנהויב דאטום. די קאריערע צענטער וועט אייך זאגן אויב איר קענט ווערן ארויסגעלאזט פונעם אפוינטמענט.

## וואס איז אויב איך קען נישט פיזיש זוכן אדער אננעמען ארבעט?

איר מוזט פיזיש קענען ארבעטן צו זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

אויב איר ווערט קראנק אדער דיסעיבלד דערווייל וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אדער איר קענט אויף צייטווייליג נישט זוכן אדער אננעמען ארבעט פאר אנדערע סיבות, און איר האט פראגעס וועגן אייער רעכט צו באקומען בענעפיטן, פארבינדט זיך מיט אונז אויף **labor.ny.gov/signin** אדער רופט שוין דעם טעלעפאן קלעימס צענטער.* איר קענט זיין בארעכטיגט ווייטער צו באקומען בענעפיטן איינמאל איר קענט נאכאמאל ארבעטן. אויב איר קלעימ'ט בענעפיטן, מוזט איר באריכטן אלע טעג וואס איר האט נישט געקענט ארבעטן. אויב איר האט געדארפט צו ארבעטן אבער איר האט אריינגערופן אז איר זענט קראנק, מוזט איר באריכטן אז איר זענט נישט געווען גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן יענע טאג ווען איר סערטיפייד פאר בענעפיטן. אויב איר האט נישט געקענט ארבעטן פאר פיר אדער מער טעג אין א וואך זענט איר נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן און דארפט נישט קלעימ'ן יענע וואך. ביטע זעט ***"וואס איז אויב איך ארבעט פארט טיים?"* אין קאפיטל 6.**

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס איז אויב איך קען נישט זוכן אדער אננעמען ארבעט ווייל איך בין גערופן געווארן צו דזשורי דוטי?

אויב איר ווערט גערופן פאר דזשורי דיוטי, וועט איר נישט ווערן אפגעזאגט פון בענעפיטן. דאס האלט אן אויב איר ווערט גערופן צו א גרענד אדער טרייעל דזשורי פון סיי וועלכע סטעיט אין די פאראייניגטע שטאטן. איר וועט ווערן גערעכנט אלס גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן דערווייל וואס איר סערווירט אויף דזשורי דיוטי. אויך קען זיין אז איר וועט נישט דארפן נאכקומען די ארבעט זוך פאדערונגען פאר סיי וועלכע וואך וואס איר האט דזשורי דיוטי. פארבינדט זיך נישט מיט די טעלעפאן קלעימס צענטער* פאר מער אינפארמאציע.

## טוט שוואנגערשאפט אפעקטירן מיינע בענעפיטן?

אונטער פעדעראלע און סטעיט געזעץ, קענט איר נישט ווערן אפגעזאגט ארבעטסלאזיקייט אישורענס בענעפיטן בלויז ווייל איר שוואנגערט. די דעפארטמענט אוו לעיבאר קען נישט דיסקרימינירן צוליב שוואנגערשאפט. אבער, די זעלבע בארעכטיגונג געזעצן וואס גילטן פאר אלע אנדערע קלעימענטס גילטן אויך פאר שוואנגערדיגע קלעימענטס: זיי מוזן זיין אוועילעבל צו ארבעטן, זיי מוזן פיזיש קענען טון די ארבעטן און זיי מוזן זוכן פאר ארבעט.

איר דארפט אונז נישט זאגן אז איר שוואנגערט **סיידן עס אפעקטירט אייער מעגליכקייט צו ארבעטן.** אויב איר קענט נישט ארבעטן צוליב געזונטהייט סיבות פארבינדן מיט שוואנגערשאפט אדער געבורט, זענט איר נישט בארעכטיגט צו קלעימ'ן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר יענע טעג אדער וואכן. צום ביישפיל, אויב איר זענט אין שפיטאל צו געבוירן א קינד, אפעקטירט עס אייער מעגליכקייט צו ארבעטן. איר קענט נישט קלעימ'ן בענעפיטן פאר די צייט אפשניט וואס איר זענט אין שפיטאל און קענט נישט ארבעטן. פאר איר קענט ווייטער באקומען בענעפיטן, קענען מיר בעטן מעדיצינישע קלירינס וואס באשטעטיגט אז איר קענט ארבעטן נאכ'ן זיין אין שפיטאל (דאס וואלט אויך געווען אויב איר זענט געווען אין שפיטאל פאר סיי וועלכע אנדערע סיבה).

אמאל זאגט אן ארבעטסגעבער צום טעלעפאן קלעימס צענטער* אז א קלעימענט האט זיך אפגעזאגט, האט זיך אפגעלאזט פאר א שטיק צייט אדער איז אוועקגעשיקט געווארן צוליב שוואנגערשאפט. מיר מוזן באשטעטיגן די אינפארמאציע מיט אייך. אבער, אויב איר האט פרייוויליג פארלאזט אייער פריערדיגע ארבעט אפילו אויב איר האט פיזיש ווייטער געקענט ארבעטן, קען זיין אז איר וועט נישט זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 8 איבערבאצאלונג און שטראפן

## וואס איז אן איבערבאצאלונג?

אן איבערבאצאלונג פאסירט ווען איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר וועלכע איר זענט נישט בארעכטיגט. דאס קען פאסירן צוליב עטליכע סיבות, צום ביישפיל: איר האט געמאכט א גרייז ווען איר האט גע'קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן, איר זענט נישט געווען גרייט, וויליג אדער פעאיג צו ארבעטן, איר האט נישט געמאכט די פארלאנגטע ארבעט זוך אקטיוויטעטן פאר א וואך אדער וואכן, אדער איר האט וויסנדיגערהייט אונז געגעבן פאלשע אדער פארפירנדע אינפארמאציע ווען איר האט איינגעגעבן א קלעים אדער גע'קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן.

## וואס איז ווילנדיגע נישט ריכטיגע פארשטייערונג?

ווילנדיגע נישט ריכטיגע פארשטייערונג פאסירט ווען איר טוט **וויסנדיגערהייט** און **בדווקא** מאכן א פאלשע דערקלערונג צו באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. דאס שליסט איין וויסנדיגערהייט און בדווקא צוריקהאלטן אינפארמאציע. **וויכטיג: ווילנדיגע נישט ריכטיגע פארשטייערונג איז שווינדל** אויב איר מאכט ווילנדיג א פאלשע דערקלערונג אדער נישט ריכטיגע פארשטייערונג צו באקומען בענעפיטן, קענט איר:

- זיין פארלאנגט צו צוריקצאלן די איבערבאצאלונג
- ווערן אפגעשאצט פאר **"פארלוירענע טעג,"** וואס זענען בענעפיטן וואס איר קלעימ'ט אינעם צוקונפט וואס איר פארלירט אלס א שטראף, (זעט ווערטער בוך), און
- ווערן גערעכנט $100 אדער 15 פראצענט (וועלכע עס איז העכער) **געלט שטראפן** אויף די פולע סומע פון די איבערגעצאלטע בענעפיטן. דאס ווערט גערעכנט אין צוגאב צו סיי וועלכע בענעפיטן וואס מוזן צוריקגעצאלט ווערן (זעה ווערטער בוך).

## וואס פאסירט אויב איך באצאל נישט צוריק אן איבערבאצאלונג אדער שטראף געלט?

אויב איר צאלט נישט צוריק די איבערבאצאלונג פון בענעפיטן וואס איר האט באקומען דורך שווינדל, קען דער דעפארטמענט אוו לעיבאר באקומען א דזשאדזשמענט קעגן אייך צו זאמלען די איבערבאצאלונג(ען).

פארפעלן צוריקצוצאלן בענעפיטן וואס איר האט באקומען ווייל איר האט צוריקגעהאלטן אדער געגעבן פאלשע אינפארמאציע צום דעפארטמענט אוו לעיבאר קען פאראורזאכן אז די דעפארטמענט אוו לעיבאר זאל נעמען לעגאלע שריט צו איינגעבן א דזשאדזשמענט קעגן אייך. איינמאל עס ווערט איינגעגעבן, איז א דזשאדזשמענט גוט און קען גענוצט ווערן אנטקעגן אייך פאר 20 יאר, און אייער געלט, ארייננגערעכנט א טייל פון אייער פעיטשעק און/אדער באנק אקאונט, קען ווערן גענומען. אויך וועט א דזשאדזשמענט שעדיגן אייער קרעדיט סקאור און קען אפעקטירן אייער מעגליכקייט צו דינגען א היים, טרעפן אן ארבעט, אדער ארויסנעמען א הלואה.

ניו יארק סטעיט האט אויך וואס ווערט אנגערופן א "רעכט צו אפסעט." אויב איר צאלט נישט צוריק בענעפיט וואס זענען געווארן איבערגעצאלט צו אייך, קענען מיר כאפן סיי וועלכע באצאלונגע וואס ניו יארק סטעיט איז אייך שולדיג. דאס שליסט איין שפעטערדיגע ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, קאנטראקט באצאלונגען, סטעיט שטייער ריפאנדס און אנדערע באצאלונגען. מיר קענען אויך כאפן פעדעראלע (IRS) שטייער ריפאנדס און אנדערע פעדעראלע באצאלונגען צו זאמלען סיי וועלכע חוב וואס איר זענט שולדיג, ווי אויך סיי וועלכע ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן וואס מען קומט אייך אין אנדערע שטעט.

אויב איר זענט שולדיג א געלט שטראף, קענט איר עס נאר צוריקצאלן דורך א טשעק אדער מאני ארדער. מיר קענען נישט צוריקהאלטן צוקונפטיגע בענעפיטן צו באצאלן געלט שטראפן.

אויב איר קענט נישט באצאלן די גאנצע איבערצאלונג, קענט איר פארלאנגען א באצאלונג פלאן דורך רופן **800-533-6600**.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס זאל איך טון אויב באקום אן איבערבאצאלונג באשטימונג?

אויב איר זענט געווארן איבערגעצאלט, וועט איר באקומען א מעלדונג פון באשטימונג אויף פאסט. דער מעלדונג וועט:

- ווייזן די סומע פון די איבערבאצאלונג און זאגן וויאזוי עס צוריק צו באצאלן
- ווייזן סיי וועלכע געלטליכע אדער פארלירן שטראפן
- ערקלערן וויאזוי די איבערבאצאלונג איז געשען און פארוואס עס דארף ווערן צוריקגעצאלט

אויב איר באקומט אן איבערבאצאלונג באשטימונג זאלט איר אויספאלגן די צוריקבאצאלונג אנווייזונגען אויפ'ן מעלדונג. אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט די איבערבאצאלונג באשלוס, האט איר די רעכט צו פארלאנגען א הירינג. ביטע זעט *"הירינג און אפיעל פראצעדור"* **אין קאפיטל 10** פאר מער אינפארמאציע. אויב איר פארלאנגט א הירינג, וועט זאמלונג אקטיוויטעט אויף די איבערבאצאלונג ווערן סוספענדירט ביז די הירינג איז פארענדיגט און א באשלוס ווערט ארויסגעגעבן.

## איבערבאצאלונגען געמאכט דורך אנדערע סטעיט אדער פעדעראלע פראגראמען

אויב איר האט באקומען בענעפיטן וואס איר וואלט נישט געדארפט באקומען פון אן אנדערע סטעיט אדער פעדעראלע פראגראם, מוז דער דעפארטמענט אוו לעיבאר אראפרעכענען צוריקצאלונגען פון אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

**דיסקלעימער:** די דעפארטמענט אוו לעיבאר קען צוריקגיין אן אומבאגרעניצטע צאל יארן צו זאמלען איבערבאצאלונגען אויב מיר באשטימען אז איר האט געארבעט און באקומען בענעפיטן אין די זעלבע צייט דורכאויס א יעצטיגע אדער פריערדיגע קלעים. אין אזא פאל וועט איר דארפן באווייז פון ארבעט פארגאנגענהייט זיך צו קעגנשטעלן אזעלכע באשולדיגונג פון שווינדלעריי. זיך צו גרייטן פאר אזא מעגליכקייט, מאכט זיכער אז איר לייגט אוועק אייער סדר היום, צייט רעקארדס און פעי סטאבס.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 9 וואס זאל איך טון ווען איך גיי צוריק צו די ארבעט?

## וואס זאל איך טון ווען איך גיי צוריק צו פולע-צייט ארבעט?

ווען איר גייט צוריק צום ארבעט, מוזט איר באררעכטן אלע טעג געארבעט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן, אפילו אויב איר זענט נאכנישט באצאלט געווארן. אויב איר ארבעט מער ווי 30 שעה א וואך אדער פארדינט מער ווי $504 פער וואך, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן און דארפט נישט קלעימ'ן יענע וואך.

## וואס איז אויב איך גיי צוריק צום ארבעט און דאן ווער איך נאכאמאל ארבעטסלאז?

**אויב אלע פון די פאלגנדע באדינגונגען** גילטן פאר אייך:

- אייער בענעפיט יאר האט זיך נישט געענדיגט,
- איר האט נישט באקומען 104 טעג פון בענעפיטן (דאס קומט אויס צו 26 גאנצע וואכן פון בענעפיטן), און
- עס איז געווען כאטש איין וואך זייט די לעצטע וואך וואס איר האט געקלעימ'ט בענעפיטן

דעמאלס קענט איר פשוט אנהויבן נאכאמאל קלעימ'ן בענעפיטן. אויב איר דארפט הילף מיט קלעימ'ן בענעפיטן, ביטע זעט ***"ווי אזוי קלעים איך וועכנטליכע בענעפיטן?"* אין קאפיטל 6**.

אויב איר ווייסט נישט ווען אייערע בענעפיט יאר ענדיגט זיך, קענט איר טרעפן דעם דאטום אויף אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג אדער אויף אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. קליקט אויפן "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס" (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט. קליק'ט אויף די "זעה באצאלונג היסטאריע" (View Payment History) קנעפל אויף די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אנליין (Unemployment Insurance Benefits Online) בלאט.

**וויכטיג: אויב איר הויבט אן קלעימ'ן בענעפיטן נאכאמאל, נאכ'ן נישט קלעימ'ן בענעפיטן פאר איין אדער מער וואכן, וועט איר מעגליך באקומען א בויגן אנליין פארלאנגענדיג אינפארמאציע אויף די צייט וואס איר האט נישט גע'קלעימ'ט בענעפיטן.** דער דעפארטמענט אוו לעיבאר וועט האלטן אייערע בענעפיטן ביז איר שיקט צוריק די בויגן. אויב די דעפארטמענט דארף מער אינפארמאציע צו באשליסן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר בענעפיטן, קען אייערע בענעפיטן געהאלטן ווערן פאר צוויי צו דריי וואכן אדער לענגער.

ביטע פולט גענצליך אויס די בויגן און שיקט עס צוריק ווי שנעלער. אויב איר פולט נישט אויס דעם בויגן אינגאנצן אדער אויב איר שיקט עס נישט גלייך צוריק, קענען אייער בענעפיטן שפעטיגן, ווערן סוספענדירט אדער אפגעזאגט.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 10 הירינג און אפיעל פראצעדור

## קען איך אפעלירן א באשלוס וועגן מיין קלעים?

פאר די צוועקן פונעם ארבעטסלאזיקייט אינשורענס פראגראם, איז א באשטימונג די פארמאלע נאמען פון א באשלוס וואס דער דעפארטמענט און לעיבאר מאכט וועגן אייער קלעים. עס איז וויכטיג אז איר זאלט לייענען, פארשטיין און האלטן סיי וועלכע מעלדונג וואס איר באקומט פון אונז וואס האט "באשטימונג" אלס א טיטל, ארייגערעכנט די לעצטע בלאט.

אויב איר שטימט נישט צו צו סיי וועלכע באשטימונג וואס זאגט אייך אפ בענעפיטן אדער אפעקטירט די סומע פון בענעפיטן וואס איר באקומט, האט איר א רעכט צו פארלאנגען א הירינג. דער הירינג וועט אפגעהאלטן ווערן פאר א יושר'דיגע אדמיניסטריווע געזעץ ריכטער פון די ארבעטלאזיקייט אפיעל באורד.

## וויאזוי פארלאנג איך א הירינג?

צו פארלאנגען א הירינג אנליין, גייט צו **labor.ny.gov/signin** און סיין'ט אריין אין אייער NY.Gov אקאונט. וועלט אויס "גיי צו מיין אנליין פארעמס" ((Go to My Online Forms. אונטער די "בויגנס אוועילעבל פאר פיילינג" ((Forms Available for Filing מעניו אויפ'ן לינקע זייט, וועלט אויס די "קלעימענט פארלאנג פאר הירינג" ((Claimant Request for Hearing בויגן. ביטע פולט אויס דעם בויגן אינגאנצן און גיבט עס אריין.

אויב איר האט נישט אן אנליין אקאונט מיט אונז, ביטע זעט "***באקומען אייערע בענעפיטן: אייער PIN, NY.gov ID,*** ***דירעקט דעפאזיט און דעם דעביט קארטל***" **אין קאפיטל 3** פאר אנווייזונגען וויאזוי עס צו מאכן.

איר קענט אויך מאכן אייער פארלאנג דורך אויספולן די קלעימענט פארלאנג פאר הירינג בויגן ביים ענדע פון דעם וועגווייזער, אדער דורך שרייבן א בריוו. פעקסט אייער פארלאנג צו **518-457-9378**, אדער שיקט עס אויף פאסט צו:

New York State Department of Labor
PO Box 15131
Albany, NY 12212-5131

**וויכטיג: אייער אנליין, פעקס אדער פאסט פארלאנג מוז האבן א פאסטמארק אדער אן אנדערע צייכן צו ווייזן אז עס איז איינגעגעבן געווארן אינערהאלב 30 טעג נאך די פאסט אדער פערזענליכע אפשיק פונעם באשטימונג. אן באוואיז אויף פארקערט, וועט א באשטימונג ווערן גערעכנט אלס ארויסגעשיקט געווארן אויפ'ן דאטום וואס שטייט דעראויף און ערהאלטן ביים פארטיי צו וועמען עס איז אדרעסירט נישט שפעטער ווי פינעף ביזנעס טעג נאכ'ן דאטום אויף וואס עס איז ארויסגעשיקט געווארן.** אויב אייער הירינג פארלאנג איז שפעט, קענט איר פארלירן אייערע רעכטן צו ווערן אויסגעהערט אויף די גערעכטקייט פון אייער קעיס. האלט נאטיצן און סיי וועלכע רעקארדס וואס צייגן דעם דאטום און צייט וואס איר האט אריינגעגעבן דעם פארלאנג.

אין אייער פארלאנג, רעכנט אריין:

- אייער גאנצע נאמען
- די לעצטע פיר ציפערן פון אייער סאשעל סעקיוריטי נומער
- אייער יעצטיגע אדרעס און טעלעפאן נומער
- די פאסט דאטום פון דער באשטימונג
- א דעטאלירטע ערקלערונג פארוואס איר האלט אז די באשטימונג איז נישט ריכטיג
- סיי וועלכע דאטומען וואס איר זענט נישט אוועילעבל פאר א הירינג, ארייגערעכנט פאר רעליגיעזע סיבות
- סיי וועלכע ספעציעלע געברויך אדער אקאמאדאציע וואס איר קענט דארפן ביים הירינג
- אויב איר אדער אייער עדות האבן א דיסאביליטי פון סיי וועלכע סארט, מען וועט נעמען מאסנאמען צו פארזיכערן אז אלע צדדים קענען אנטייל נעמען אינעם הירינג

אויב איר האט סיי וועלכע דאקומענטן וואס שטיצן אייער דערקלער, שיקט זיי מיט מיט אייער הירינג פארלאנג.

אויב איר פארלאנגט א הירינג נאך די -30טעג צייט אפשניט, זאלט איר ערקלערן פארוואס אייער פארלאנג איז שפעט. עס וועט ווערן אויסגעשמועסט ביי אייער הירינג.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס זאל איך ערווארטן נאך איך פארלאנג א הירינג?

דער דעפארטמענט וועט איבערקוקן אייער הירינג פארלאנג. מיר קענען זיך פארבינדן מיט אייך פאר מער אינפארמאציע און מאכן א נייע באשלוס. ענטפערט גלייך סיי וועלכע טעלעפאן קאלס אדער מעסעדזשעס פון די דעפארטמענט. פארפעלן צו ענטפערן קען פירן צו א נייע באשטימונג באזירט בלויז אויף די אוועילעבל אינפארמאציע.

אויב דער נייע באשלוס איז לטובת אייך, וועט איר מעגליך נישט דארפן ערשיינען ביי א הירינג. אויב דער נייער באשלוס איז נישט לטובת אייך, וועט איר מעגליך דארפן פארלאנגען א הירינג נאכאמאל.

אויב עס איז נישט דא קיין ענדערונג צו דער אריגינעלע באשטימונג, וועט א הירינג ווערן באשטימט פאר א יושר'דיגע אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער. הירינגס ווערן אין אלגעמיין געהאלטן צווישן 15 און 30 טעג נאך איר מאכט א פארלאנג. א מעלדונג פון הירינג וועט געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט כאטש 14 טעג איידער דער הירינג.

**וויכטיג:** בשעת מיר קוקן איבער אייער הירינג פארלאנג, מוזט איר פארזעצן צו פאדערן וועכנטליכע ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן פאר סיי וועלכע תקופה וואס איר זענט ארבעטסלאז און איר זוכט בענעפיטן. אויב איר ווערט געפונען אלס בארעכטיגט, וועט איר באקומען סיי וועלכע בענעפיטן וואס איר האט גע'קלעימ'ט.

## וואס פאסירט צו מיינע בענעפיטן דערווייל וואס מיין הירינג ווערט גע'סקעדיולט?

בענעפיטן קענען ווערן צוריקגעהאלטן דערווייל וואס אירווארט פאר א הירינג. אויב דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער באשטימט אז איר זענט גערעכט, וועלן סיי וועלכע בענעפיטן וואס קומט זיך אייך ווערן געצאלט צו אייך אויף צוריק (נאכ'ן פאקט), אויב איר מאכט ווייטער וועכנטליכע בענעפיט קלעימס (סערטיפייט פאר בענעפיטן) יעדע וואך וואס איר זענט נאך ארבעטסלאזיג אדער איר ארבעט 30 שטונדן אדער ווייניגער און איר פארדינט די מאקסימום בענעפיט ראטע אדער ווייניגער.

וויכטיג: אויב איר האט געבעטן פאר א הירינג אדער אירווארט פאר א הירינג אדער באשלוס, **מוזט איר קלעימ'ן בענעפיטן יעדע וואך**. דאס וועט אייך ערלויבן צו באקומען בענעפיטן פאר פריערדיגע וואכן אויב די הירינג באשלוס איז לטובת אייך. ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן, מוזט איר באריכטן אלע שעות וואס איר האט געארבעט אפילו אויב איר זענט נאכנישט באצאלט געווארן. אויב איר ארבעט מער ווי 30 שעה א וואך אדער פארדינט מער ווי $504 פער וואך, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן און דארפט נישט קלעימ'ן יענע וואך. אויב איר קלעימ'ט נישט וועכנטליכע בענעפיטן דורכאויס די צייט, קענט איר פארלירן די רעכט צו באקומען בענעפיטן פאר די וואכן.

## וויאזוי וועל איך וויסן ווען מיין הירינג וועט זיין?

די אדמיניסטריווער געזעץ ריכטער אפיילונג פונעם ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד וועט אייך לאזן וויסן די צייט און פלאץ פון אייער הירינג דורך שיקן א מעלדונג פון הירינג. **ביטע באמערקט אז הירינגס קענען געפירט ווערן פערזענליך אדער דורכ'ן טעלעפאן.** אויב אייער הירינג דארף ווערן געמאכט אויפ'ן טעלעפאן, דארפט איר מאכן זיכער אז די טעלעפאן נומער אויסגערעכנט אויף אייער הירינג מעלדונג איז ריכטיג. אויב איר טרעפט א גרייז זאלט איר זיך תיכף פארבינדן מיט'ן הירינג באאמטער אויסגערעכנט אויף אייער מעלדונג צו מאכן די נויטיגע פאריכטונגען אדער קען זיין אז אייער הירינג וועט נישט פארזעצן. אויב איר דארפט טוישן די צייט אדער דאטום פון אייער הירינג, פארבינדט זיך מיט'ן אפיס אויסגערעכנט אויף די הירינג מעלדונג.

**וויכטיג:** ליינט די גאנצע מעלדונג פון הירינג פארזיכטיגערהייט, פון פארנט און פון אונטן, אריינגערעכנט ספעציעלע אנווייזונגען פאר וועלכע דאקומענטן אדער עדות צו פראדוצירן ביים הירינג. איר קענט אויך שיקן דורך פעקס נאך דאקומענטן צו שטיצן אייער קעיס צום הירינג אפיס אויסגערעכנט אויף אייער הירינג מעלדונג פאר אייער הירינג. זעט די ווידיא "וויאזוי קען איך צוגרייטן פאר א הירינג?" אויף די אפיעל באורד'ס וועבזייטל אויף **uiappeals.ny.gov**.

## וואס איז אויב מיין ארבעטסגעבער פארלאנגט א הירינג?

סיי וועלכע ארבעטסגעבערס אויסגערעכנט אויף אייער קלעים קענען פארלאנגען א הירינג אויב זיי גלייבן אז אייער ארבעט האט זיך געענדיגט צוליב א דיס-קוואליפיצירנדע סיבה, אזוויו:

- איר האט זיך אפגעזאגט פון אייער ארבעט אן קיין גוטע סיבה
- איר זענט אפגעזאגט געווארן צוליב נישט גוטע אויפפירונג

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

ווען דאס פאסירט, מוזן דער דעפארטמענט אוו לעיבאר איבערקוקן די ארבעטסגעבער'ס הירינג פארלאנג און אויב עס פעלט אויס, מאכן ווייטערדיגע אויספארשונגען.

מיר קענען זיך פארבינדן מיט אייך פאר מער אינפארמאציע און מאכן א נייע באשלוס. ענטפערט גלייך סיי וועלכע טעלעפאן קאלס אדער מעסעדזשעס פון די דעפארטמענט. פארפעלן צו ענטפערן קען פירן צו א נייע באשטימונג באזירט בלויז אויף די אוועילעבל אינפארמאציע.

אויב א נייע באשטימונג איז נישט פאר אייער טובה, קען אייער בארעכטיגונג ווערן אפגעהאקט, אדער קען אייער בענעפיט ראטע ווערן פארמינערט. איר קענט אויך דארפן צוריקצאלן בענעפיטן וואס איר האט באקומען אויב מיר באשטימען אז איר האט געמאכט פאלשע דערקלערונגען אדער צוריקגעהאלטן אינפארמאציע צו באקומען בענעפיטן.

אויב עס איז נישט דא קיין ענדערונג צו דער אריגינעלע באשטימונג, וועט א הירינג ווערן באשטימט פאר א יושר'דיגע אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער. הירינגס ווערן אין אלגעמיין געהאלטן צווישן 15 און 30 טעג נאך אייער ארבעטסגעבער מאכט א פארלאנג. א מעלדונג פון די הירינג וועט געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט כאטש 14 טעג איידער דער הירינג.

איר קענט ווייטער באקומען בענעפיטן דורכאויס די הירינג פראצעדור ווילאנג איר קומט ווייטער נאך די בארעכטיגונג פאדערונגען. עס איז זייער וויכטיג אז איר זאלט זיך באטייליגן אין סיי וועלכע באשטימטע הירינג צו באשיצן אייערע בענעפיטן און רעכטן און ווייטערדיגע בארעכטיגונג. אויב איר ערשיינט נישט, קען די הירינג מעגליך ווייטער גיין אן אייך. אן אדמיניסטריווע געזעץ ריכטער קען באשליסן אייער קעיס אן זיך רעכענען מיט אייער זייט פון די מעשה. אויב א נייע באשטימונג איז נישט פאר אייער טובה, קען אייער בארעכטיגונג ווערן אפגעהאקט, אדער קען אייער בענעפיט ראטע ווערן פארמינערט. איר קענט אויך דארפן צוריקצאלן בענעפיטן וואס איר האט באקומען אויב מיר באשטימען אז איר האט געמאכט פאלשע דערקלערונגען אדער צוריקגעהאלטן אינפארמאציע צו באקומען בענעפיטן.

**וויכטיג:** בשעת מיר קוקן איבער אייער ארבעטסגעבער'ס הירינג פארלאנג, מוזט איר פארזעצן צו קלעימ'ן וועכענטליכע בענעפיטן פאר סיי וועלכע תקופה וואס איר זענט ארבעטסלאז און איר זוכט בענעפיטן.

אויב איר האט פארפאסט די פארלאנגטע הירינג דורך אייער ארבעטסגעבער און באקומען א באשלוס וואס האקט אפ אייער בארעכטיגונג, קענט איר שרייבן א בריוו וואס בעט צו ווידער עפענען די הירינג אז איר זאלט קענען פארשטעלן אייער זייט פון די מעשה. זעהט ***"וואס פאסירט אויב איך פארפאס די הירינג?" אין קאפיטל 10*** פאר ווייטערדיגע אנווייזונגען. פאר די נעקסטע הירינג, באקומט א קאפיע פון די קעיס טעקע ווי שנעלער און הערט צו די רעקארדינג פון די הירינג(ס) וואס איר האט פארפאסט. זעט ***"איבערקוקן און באקומען א קאפיע פון אייער קעיס פייל" אין קאפיטל 10*** פאר ווייטערדיגע אנווייזונגען.

## קען איך האבן פארטרעטונגען ביי הירינגס?

איר האט די רעכט צו ברענגען אן אדוואקאט אדער אנדערע פארשטייער וואס איר וועלט אויס אייך צו רעפרעזענטירן, אבער עס איז נישט געפאדערט. לויט די געזעץ מעג סיי וועלכע אדוואקאט אדער פארטרעטער רעגיסטרירט מיטן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד באקומען א באצאלונג פאר אייך פארשטעלן. **וויכטיג: דער קאסט קען נאר גערעכנט ווערן אויב איר געווינט אייער קעיס, אריינגערעכנט סיי וועלכע אפיעל.** איר קענט נישט ווערן גערעכנט א קאסטן פאר סערוויסעס ביז די סומע פון די קאסטן ווערט באשטעטיגט דורך די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד. ביידע אייך און אייער אדוואקאט אדער רעגיסטרירטע פארשטייער וועלן באקומען א בריוו פון די אפיעל באורד וואס מעלדט אייך וועגן סיי וועלכע קאסטן באשטעטיגונג. אויב איר האט געוואונען אייער הירינג און באקומט א ביל פאר סערוויסעס וואס איז נישט באשטעטיגט געווארן דורך די אפיעל באורד, זאלט איר זיך פארבינדן מיטן אפיעל באורד אויף 518-402-0205.

אויב איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן אן אדוואקאט אדער אן אויטאריזירטער פארטרעטער, קענט איר מעגליך באקומען אומזיסטע פארטרעטונג פון אן אדוואקאט וואס ארבעט אומזיסט אדער פון אן אומזיסטע לעגאלע סערוויסעס פראגראם.

פאר א ליסטע פון געזעצליכע ריסאורסעס, אריינגערעכנט אדוואקאטן, אויטאריזירטע פארטרעטער, לעגאלע סערוויסעס פראגראמען און אומזיסטע אדוואקאטן ארגאניזאציעס, גייט צו די אנעמפלוימענט אינשורענס אפיעל באורד וועבזייטל ביי **uiappeals.ny.gov**. וועלט אויס די "הילפבארע אינפארמאציע" (Helpful Information) טעב און דאן קליקט אויף "וועגווייזערס און הילפסמיטלען" (Guides and Resources). וועלט אויס די "ליסטע פון אדוואקאטן און באפולמעכטיגטע אגענטן" (List of Attorneys & Authorized Agents). איר קענט אויך בעטן דעם ליסטע דורך רופן **518-402-0205**.

רוב פארשטייערס וועלן ווילן זען די קעיס טעקע פאר זיי שטעלן צו סערוויסעס, דעריבער מאכט זיכער אז איר באקומט א קאפיע זיך צו קענען בעראטן מיט לעגאלע סערוויס פראוויידערס. זעט ***"איבערקוקן און באקומען א קאפיע פון אייער קעיס פייל" אין קאפיטל 10***.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וויאזוי קען איך צוגרייטן פאר א הירינג?

גייט צו די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד וועבזייטל אויף **uiappeals.ny.gov** און זעט די ווידיא, "צוגרייטן פאר אייער ארבעטלאזיקייט אינשורענס הירינג" (Preparing for Your Unemployment Insurance Hearing).

ביים הירינג, קענט איר זאגן עדות און פארשטעלן עדות און דאקומענטן. עדות קענען ערשיינען אויפ'ן טעלעפאן, דערפאר אויב אייער עדות קענען נישט ערשיינען פערזענליך, זאגט זיי אן צו זיין אוועילעבל אויפ'ן טעלעפאן אין די צייט פונעם הירינג און שטעלט צו זייערע טעלעפאן נומערן צום ריכטער. אויב איר קענט נישט באקומען די נויטיגע באווייז, קען איר בעטן דער אדמיניסטריווע געזעץ ריכטער צו ארויסגעבן א סובפינע צו אנזאגן די מענטש אדער פירמע וואס האט די באוויז עס צו ארייננברענגען. איר וועט זיין ערלויבט צו אויספרעגן קעגנשטעלנדע פארטייען און עדות ביים הירינג.

פארן הירינג, וועט איר באקומען א דעטאלירטע אינפארמאציע ביכל וואס שילדערט מער גרינטליך די הירינג פראצעדור און אייערע רעכטן. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וואס זענען נישט געדעקט אינעם מעלדונג, פארבינדט זיך מיט די אפיעל באורד הירינג אפיס אויסגערעכנט אויף די מעלדונג פון הירינג אדער פארבינדט זיך מיט די קלעימענט אדוואקאט אפיס.

איר קענט צוקומען צום קלעימענט אדוואקאט אפיס אויפ'ן טעלעפאן אויף **855-528-5618** פון מאנטאג ביז פרייטאג, 9 אינדערפרי ביז 4 נאכמיטאג. איר קענט אויך שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש (נאר ענגליש): לאג'ט אריין צו **www.labor.ny.gov/signin**. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס." (Go to My Inbox) און וועלט אויס "שרייב נייע" (Compose New). דרוקט "UI קלעימענט אדוואקעיט אפיס" (UI Claimant Advocate Office) פארן טעמע. ***זעט "קלעימענט אדוואקאט אפיס" אין קאפיטל 13, ביילאגע I.***

## איבערקוקן און באקומען א קאפיע פון אייער קעיס פייל

די קעיס פייל שליסט איין דאקומענטן וואס דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער וועט נוצן בשעת'ן הירינג. עס רעכנט אויך אריין וויכטיגע דאקומענטן וואס זענען געניצט געווארן צו קומען צו א באשטימונג, און קען אויך ארייננרעכענען רעקארדירונגען פון סיי וועלכע פריערדיגע הירינגס. אויב איר האט א טעלעפאן הירינג, וועט א קעיס טעקע ווערן געשיקט צו אייך אויף פאסט צוזאמען מיט אייער הירינג מעלדונג. אויב איר האט א פערזענליכע הירינג, האט איר די רעכט צו איבערקוקן אייער קעיס פייל און צוהערן סיי וועלכע רעקארדינגען ביים הירינג פלאץ פאר'ן הירינג. ברענגט אייער הירינג מעלדונג צום הירינג פלאץ גענוג צייט פאר'ן הירינג און פארלאנגט צו איבערקוקן און/אדער קאפירן דעם קעיס פייל. אויב איר האט פינאנציעלע שוועריגקייטן, קענט איר אויספולן א פארציכטונג און פארלאנגען אן אומזיסטע קאפיע. אויב איר זוכט געזעצליכע פארטרעטונג, איז וויכטיג צו האבן אייער קעיס פייל גרייט כדי אן אדוואקאט זאל קענען איבערקוקן אייער קעיס.

## וואס פאסירט אויב איך פארפאס דעם הירינג?

עס איז זייער וויכטיג פאר אייך צו ערשיינען ביי אלע סקעדיול'ט הירינגס נישט קיין חילוק צו איר אדער אייער ארבעטסגעבער האט געבעטן די הירינג. אויב איר פארפעלט צו ערשיינען, קענט איר בעטן צו ווידער עפענען דעם קעיס. פעקסט אדער שיקט אייער שריפטליכע פארלאנג צום אדמיניסטריווע געזעץ ריכטער אפיס אדרעס אויבן פון די ערשטע בלאט פון די באשלוס מעלדונג ווי פריער. מאכט זיכער צו אויסרעכענען דעם קעיס נומער, אייער יעצטיגע פאסט אדרעס און די טעלעפאן נומער, און דעם אורזאך פארוואס איר זענט נישט ערשינען אין אייער פארלאנג. איר קענט טרעפן די קעיס נומער אויף אייער הירינג מעלדונג, אויבן, אין מיטן פון די בלאט, אדער אויף אייער הירינג באשטימונג מעלדונג, אויבן צו לינקס. לייגט צו סיי וועלכע דאקומענטן וועלכע ערקלערן פארוואס איר האט זיך נישט באטייליגט אינעם הירינג. רעכנט אויס סיי וועלכע דאטומען אין די קומענדיגע 45 טעג ווען איר זענט נישט אוועילעבל פאר א הירינג. דער אפיעל באורד וועט פרובירן דאס בעסטע זיך צו צופאסן צו אייער סקעדיול. בעט נישט א ווידער עפענונג פון אייער קעיס אויב איר זענט נישט גרייט צו פארזעצן מיט א נייע הירינג.

ביי די נעקסטע סקעדיול'ט הירינג, וועט די ריכטער ערשט נעמען עדות איבער דעם אויב איר האט געהאט א גוטע סיבה פאר נישט ערשיינען אדער פארזעצן מיט די פריערדיגע הירינג. דער ריכטער וועט באשליסן די אנדערע ענינים אינעם באשטימונג נאר אויב איר האט געהאט א גוטע סיבה צו פארפאסן די פריערדיגע הירינג.

אויב איר פארפעלט צו ערשיינגען ביים הירינג צו ווידער עפענען, און מאכט נאך א פארלאנג פאר א הירינג, וועט דער קעיס נישט ווערן אוטאמאטיש גע'סקעדיול'ט. אנשטאט דעם, וועט אייער פארלאנג צו ווידער עפענען ווערן געשיקט צום אפיעל באורד. דער באורד וועט איבערקוקן אייער אפליקאציע באזירט אויף אייערע דאקומענטן אינעם טעקע און ערלויבן נאך א הירינג נאר אויב זיי באשטימען אז אייער פארפעלן צו ערשיינען ביי ביידע פריערדיגע הירינגס האט געקענט זיין פאר א גוטע אורזאך אדער אויב, לויט זייער ווילן, טוט די באורד באפעלן נאך א הירינג צו באטראכטן די פראגע פון גוטע אורזאך.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## ווען און וויאזוי וועל איך באקומען די ריכטער'ס באשלוס?

איר וועט באקומען די אדמיניסטריווע גזעצע ריכטער'ס באשלוס אויף פאסט קורץ נאכ'ן הירינג דאטום. אויב נישט, זאלט איר רופן דעם הירינג אפיס וואו איר האט געהאט אייער הירינג (דער טעלעפאן נומער איז אויף דער מעלדונג פון הירינג). די באשלוס וועט ווייזן די פאקטן געפינען דורך די אדמיניסטראטיווע גזעצע ריכטער באזירט אויף די באווייז, די אורזאכן פאר דער געפינסן, די אורזאכן פארוואס די געפינסן פירן צו דעם רעזולטאט און דער באשלוס זעלבסט. אויב איר קענט נישט פארשטיין די באשלוס, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער* אדער די קלעימענט אדוואקאט אפיס אויף **855-528-5618** אז מען זאל עס אייך ערקלערן.

## וואס פאסירט אויב איך בין נישט איינשטימיג מיטן א ריכטער'ס באשלוס?

איר, די ארבעטסגעבער און די קאמישאנער אוו לעיבאר האבן די רעכט צו אפעלירן אן אדמיניסטריווע גזעצע ריכטערס באשלוס צום ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד. דער מעלדונג וואס זאגט אייך דער אדמיניסטראטיווע גזעצע ריכטער'ס באשלוס וועט אויך ערקלערן וויאזוי צו איינגעבן אן אפיעל מיט די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד. הירינג אפיס טעלעפאן נומער: **518-402-0205**.

צו אפעלירן, מוזט איר האבן ערשינען פאר'ן אדמיניסטראטיווע גזעצע ריכטער. נאר די קאמישענער אוו לעיבאר קען אפעלירן אן ערשיינען ביים הירינג.

איר קענט שיקן אייער אפיעל צו די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפיעל באורד אויף

Unemployment Insurance Appeal Board<br>
PO Box 15126<br>
Albany, NY 12212-5126

אדער דורך פאקס צו **518-402-6208**. אייער בריוו אדער פעקס מוז אריינרעכנען די אדמיניסטריווע גזעצע ריכטער קעיס נומער (אויסגערעכנט אויף די באשלוס העכער אייער נאמען).

**וויכטיג: אן אפיעל מוז איינגעגבן ווערן מיט'ן אפיעל באורד אינערהאלב 20 טעג נאך דעם באשלוס פון די אדמיניסטראטיווע גזעצע ריכטער ווערט געשיקט צו אייך.** נאך אייער אפיעל, וועט איר באקומען א מעלדונג פון דערהאלטונג פון אפיעל. עס וועט ערקלערן אייערע רעכטן און די צייט אפשניט פאר אייך צו בעטן די טרענסקריפטס פון אייער הירינג, אריינגעבן א שריפטליכע דערקלערונג און ענטפערן די דערקלערונגען אריינגעגבן דורך אנדערע פארטייען. די צייט באגרעניצונגען וועלן ווערן שטרענג איינגעפירט. דערפאר זאלט איר ליינען די מעלדונג פון דערהאלטונג פון אפיעל ווי שנעלער, און פארזיכטיגערהייט.

אויב איר אפעלירט מער ווי 20 טעג נאך דער דאטום ווען דער אדמיניסטריווע גזעצע ריכטער באשלוס איז געשיקט געווארן צו אייך, מוזט איר ערקלערן פארוואס אייער אפיעל איז שפעט. איר וועט באקומען א בריוו וואס באשטעטיגט אז אייער אפיעל איז ערהאלטן געווארן; אבער, אלע שפעטע אפיעלס מוזן ווערן איבערגעקוקט דורכ'ן אפיעל באורד. אויב די סיבה פאר אייער שפעטע אפיעל ווערט אנגענומען, וועט איר באקומען א מעלדונג פון דערהאלטונג פון אפיעל מיט די אנווייזונגען אויסגערעכנט אויבן. אויב די סיבה פאר אייער שפעטע אפיעל ווערט נישט אנגענומען, וועט איר באקומען א בריוו וואס זאגט אייך דאס.

אויב איר פלאנט צו אפעלירן אדער ווארט פאר אן אפיעל באשלוס, באשיצט אייער רעכט פאר בענעפיטן. פאלגט ווייטער אויס סיי וועלכע אנווייזונגען וואס איר באקומעט פונעם טעלעפאן קלעימס צענטער.* **וויכטיג: איר מוזט נאכאלס קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטס) פאר יעדע וואך וואס איר זענט ארבעטסלאז אדער ארבעט 30 שעה אדער ווייניגער און מאכט די מאקסימום בענעפיט ראטע אדער ווייניגער, אפילו איר באקומט נישט בענעפיטן.** דאס וועט אייך ערלויבן צו באקומען בענעפיטן פאר פריערדיגע וואכן אויב דער אפיעל באשלוס איז פאר אייער טובה.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וויאזוי קען איך ווייטער אפעלירן אויב איך בין נישט איינשטימיג מיטן אפיעל באורד'ס באשלוס?

אויב איר שטימט נישט צו צום ארבעטסלאזיקייט אפיעל באורד'ס באשלוס, קענט איר איינגעבן פאר א פארלאנג פון ווידער באטראכטן פונעם באשלוס און/אדער ווייטער אפעלירן צום אפעלאט אפטיילונג פונעם ניו יארק סטעיט סופרים געריכט, דריטע דעפארטמענט. די ארבעטסגעבער אדער די קאמישענער אוו לעיבאר קען טון דאס זעלבע.

פארלאנגען פאר ווידערבאטראכטונג און אפיעלס צום סופרים קאורט מוזן ווערן איינגעגעבן מיט'ן אפיעל באורד, שריפטליך, אינערהאלב 30 טעג נאך דער אפיעל באורד'ס באשלוס ווערט געשיקט צו אייך. שיקט דורך פאסט אייערע אפיעל צו:

Unemployment Insurance Appeal Board
PO Box 15126
Albany, NY 12212-5126

דער אפיעל באורד וועט אייך דאן שיקן א מעלדונג מיט אנווייזונגען איבער וויאזוי צו פארזעצן מיט אייער פארלאנג פאר ווידער באטראכטונג און/אדער אפיעל צום סטעיט סופרים קאורט.

אויב איר פלאנט צו אפעלירן צום סטעיט סופרים קאורט אדער ווארט פאר א באשלוס פונעם קאורט, באשיצט אייער רעכט פאר בענעפיטן. פאלגט ווייטער אויס סיי וועלכע אנווייזונגען וואס איר באקומעט פונעם טעלעפאן קלעימס צענטער.* **וויכטיג: איר מוזט נאכאלס קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטס) פאר יעדע וואך וואס איר זענט ארבעטסלאז אדער ארבעט 30 שעה אדער ווייניגער און מאכט די מאקסימום בענעפיט ראטע אדער ווייניגער, אפילו איר באקומט נישט בענעפיטן.** דאס וועט אייך ערלויבן צו באקומען בענעפיטן פאר פריערדיגע וואכן אויב דער אפיעל באשלוס איז פאר אייער טובה.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 11 ספעציעלע אומשטענדן

### וואס איז אויב איך האב פראגעס וועגן מיינע בענעפיטן?

ערשט, קוקט איבער דעם קלעימענט וועגווייזער. איר קענט אויך איבערקוקן די אפט געפרעגטע פראגעס (Frequently Asked Questions, FAQs) אויף אונזער וועבזייטל **dol.ny.gov/claimant-frequently-asked-questions**.

איר קענט אונז אויך שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש דורך אייער אנליין אקאונט. שרייבט אייך אריין אין אייער אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב נייע" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "קלעימס פראגע-אנדערע" (Claims Questions-Other). אינעם מעסעדזש, ערקלערט אייער פראגע.

איר קענט אויך רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער* אבער ביטע זייט וויסנד אז מאנטאג און די טאג נאך א פובליק האלידעי זענען די מערסטע פארנומענע טעג פאר טעלעפאן קאלס און דיווארט צייט קען זיין לענגער. די איבעריגע טייל פון וואך איז וויניגער פארנומען.

### וואס איז אויב איך מיין אז מיינע בענעפיטן זענען שפעט? אויך, וויאזוי קען איך נאכקוקן מיין באצאלונג היסטאריע און/אדער באצאלונג סטאטוס?

צו זען די סטאטוס פון אייערע בענעפיטן און פאר א פולע רעקארד פון אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיט באצאלונגען, שרייבט אייך אריין אין אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, וועלט אויס "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס (Unemployment Services")", דאן "זען באצאלונג היסטאריע" (View Payment History).

איר קענט אויך רופן אונזער טעל סערוויס אויטאמאטישע טעלעפאן סערוויס אויף **888-581-5812**. פאלגט נאך די אנווייזונגען צו באקוקן אייער באצאלונג היסטאריע און באצאלונג סטאטוס. TTY/TDD באנוצערס רופט **877-205-3119**. ווידיא רילעי סערוויס באנוצערס, רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן **888-783-1370**.

**וויכטיג: נאך מיר באשטימען אז איר זענט בארעכטיגט, וועט עס אין אלגעמיין געדויערן דריי ביזנעס טעג פאר בענעפיט באצאלונגען צו ערשיינען אויף אייער דעביט קארטל אדער אין אייער באנק אקאונט דורך דירעקט דעפאזיט נאך עס ווערט ארויסגעגעבן.** אויב דריי טעג זענען אריבערגעגאנגען זייט א באצאלונג איז ארויסגעלאזט געווארן און די געלטער זענען נישט אין אייער אקאונט, זאלט איר זיך פארבינדן מיט Way2Go פראגראם קאסטומער סערוויס אויף **844-649-9845** אויב איר האט א דעביט קארטל. אויב איר האט דירעקט דעפאזיט, פארבינדט זיך מיט אייער באנק. אויב עס איז דא א האלידעי אין סיי וועלכע וואך, קענען באצאלונגען זיין שפעטער מיט איין טאג יענע וואך.

אויב איר האט א פראגע וועגן אייער קלעים אדער באצאלונגען, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער.*

### איך האב נישט געקענט איינגעבן מיין קלעים דורכאויס די ערשטע וואך וואס איך בין געווארן ארבעטסלאזיג. קען איך בעטן מיין קלעים אויף צוריק?

אויב איר ווילט בעטן באצאלונגען פאר פריער פאר אייער קלעים צו די ערשטע וואך ווען איר זענט געווארן ארבעטסלאז, מוזט איר רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער* און רעדן מיט אן אגענט. איר מוזט זיך גרייטן צו ערקלערן פארוואס איר האט נישט געקענט איינגעבן אייער קלעים דורכאויס די ערשטע וואך ווען איר זענט געווארן ארבעטסלאז. מיר וועלן איבערקוקן אייער סיבות און אייך לאזן וויסן אויב מיר קענען אייך צוריקצאלן פאר פריער. געוואנדן אויף די סיבות, קען זיין אז מיר וועלן קענען באצאלן פאר פריער פאר אייער קלעים פאר איין וואך

### מיינע בענעפיטן האבן זיך אפגעהאקט. וואס גייט פאר?

זייער מעגליך אז איר האט פארפאסט אן ארבעט זוך אפוינטמענט (ביטע זעט ***"וואס פאסירט אויב איר פארפאס מיין ארבעט זוך מיטינג?" אין קאפיטל 7***) אדער האט די דעפארטמענט און לעיבער ערהאלטן אינפארמאציע וועלכע קען אפעקטירן אייער בארעכטיגונג פאר בענעפיטן. די אינפארמאציע קען קומען פון א פריערדיגע ארבעטסגעבער, א פראגע בויגן וואס איר האט צוריקגעשיקט, אדער קען זיין אז איר האט פרובירט זיך אייצוגעבן פאר בענעפיטן פון אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן (ביטע זעט ***"וואס איז אויב איך רייז אינדרויסן פון מיין ארט אדער אינדרויסן פונעם לאנד?" אין קאפיטל 6***). ווען דאס פאסירט, זענען מיר פארלאנגט צו אויספארשן און אייערע בענעפיטן קענען ווערן אויפגעהאלטן פאר ביז צען (10) טעג.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

די דעפארטמענט קען ווייטער צוריקהאלטן בענעפיטן אויב א באשטימונג אפצוהאקן בענעפיטן איז ארויסגעגעבן געווארן. אויב אייערע בענעפיטן זענען אפגעהאקט געווארן פאר מער ווי צען (10) טעג און איר האט נישט באקומען א באשטימונג, ביטע פארבינדט זיך מיט אונז אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אייער **NY.gov** יוזערנעים און פאסווארד. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox). וועלט אויס "שרייב ניי" (Compose New). וועלט אויס טעמע: "קלעימס פראגעס" (Claims Questions). וועלט אויס צווייטע טעמע: "סערטיפיקאציע פראגעס" (Certification Questions). אינעם מעסעדזש, ערקלערט אז איר האט אויפגעהערט באקומען בענעפיטן פאר מער ווי 10 טעג און איר האט נישט באקומען א באשטימונג. פאר פראגעס און אינפארמאציע, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער.*

**וויכטיג: דערווייל וואס דער אויספארשונג קומט פאר, ביטע קלעימ'ט ווייטער וועכנטליכע בענעפיטן ווילאנג איר זענט נאך ארבעטסלאז און קומט נאך די בארעכטיגונג פאדערונגען.**

## אויב איך באקום אפשיק אדער אפזאג באצאלונג, וועט עס אפעקטירן מיינע בענעפיטן?

אפשיק אדער אפזאג באצאלונג קענען אפעקטירן אייער בארעכטיגונג צו באקומען בענעפיטן. איר קענט מעגליך זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אויב די וועכנטליכע באצאלונגען פון אפשיק אדער אפזאג איז ווייניגער ווי די מאקסימום בענעפיט ראטע. איר מוזט מעלדן דעם טעלעפאן קלעימס צענטער* אויב איר באקומט אדער וועט באקומען אפשיק אדער אפשזאג באצאלונג. אויב נישט, קענט איר באקומען אן איבערבאצאלונג וואס איר וועט דארפן צוריקצאלן. איר קענט אויך זיין אויסגעשטעלט צו אנדערע שטראפן.

איר וועט **נישט** זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן אויב:

- איר האט באקומען וועכנטליכע אפשיק אדער אפזאג באצאלונגען וועלכע זענען העכער ווי די מאקסימום בענעפיט ראטע, **אדער**
- אייער ארבעטסגעבער האט אייך געגעבן אן איינמאליגע סומע באצאלונג **און** די וועכנטליכע אויסגערעכנטע ראטע פון די באצאלונג איז העכער ווי די מאקסימום וועכנטליכע בענעפיט ראטע

איר **קענט זיין** בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן אויב:

- די וועכנטליכע סומע פון אפשיק אדער אפזאג באצאלונג איז אונטער אדער אייניג מיט די מאקסימום וועכנטליכע בענעפיט ראטע, **אדער**
- איר באקומט אייער ערשטע אפשיק אדער אפזאג באצאלונג מער ווי 30 טעג נאך די לעצטע טאג וואס איר האט געארבעט

אויב איר ווערט באשטימט אומבארעכטיגט ווייל איר האט באקומען אפשיק אדער אפזאג באצאלונג און איר זענט נאכאלס ארבעטסלאז נאך אייער אפשיק אדער אפזאג באצאלונג ענדיגט זיך, זאלט איר פייל'ן א נייע קלעים פאר בענעפיטן. איר זאלט דאס טוען אפילו אויב איר זענט נישט זיכער אז איר האט גענוג פארדינסטן אדער אויב איר האט איינגעגעבן א קלעים ווען איר האט אנגעהויבן צו באקומען אפשיק אדער אפזאג באצאלונג. מיר וועלן באשליסן צי איר זענט בארעכטיגט פאר בענעפיטן.

## אויב איך פארליר מיין פולע-צייט ארבעט און איך האב פארט-טיים ארבעט אויף די זייט, דארף איך האלטן די פארט-טיים ארבעט?

די פראגעס קענען ארויפקומען פאר מענטשן וואס ארבעטן אין צוויי פלעצער, אזוויוו א פולע-צייט פאסטן און א פארט-טיים זייטיגע ארבעט וואס באצאלט ווייניגער ווי די עיקר פאסטן. אויב זיי פארלירן זייער עיקר פאסטן, קענען די פארדינסטן פון די פארט טיים ארבעט זיין ווייניגער ווי דאס וואס זיי וואלטן באקומען אין ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר די טעג וואס זיי ארבעטן אויף זייער זייטיגע ארבעט. זייערע פארדינסט ווערט פאקטיש פארמינערט פאר'ן ארבעטן ווייטער ביי זייער זייטיגע ארבעט דערווייל וואס זיי באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

אונטער ניו יארק'ס ארבעטסלאזיקייט אינשורענס געזעץ, קענט איר ווערן געפינען בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן אויב איר געבט אויף די זייטיגע ארבעט צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן. אבער, דער דאפארטמענט אוו לעיבאר מוז אויספארשן אויב איר האט געהאט א גוטע סיבה צו אויפגעבן אייער זייטיגע/פארט טיים ארבעט. דאס קען צייטווייליג אפשטעלן אייערע בענעפיטן און מעגליך צופירן צו א באשטימונג וואס איז נישט פאר אייער טובה. איר מוזט זיין גרייט צו ווייזן דעם דעפארטמענט אוו לעיבאר אייערע פארדינסטן און קאסטן.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## קען איך נוצן מיליטערישע דינסט צו מאכן א קלעים?

איר קענט מעגליך נוצן לעצטיגע מיליטערישע דינסט צו באשטימען א קלעים אויב איר קומט נאך געוויסע באדינגונגען. אויב אייער סערוויס איז געווען אין די לעצטע 18 מאנאטן, רופט די טעלעפאן קלעימס צענטער* פאר מער אינפארמאציע.

אויב איר האט עס נאכנישט געטון, שיקט אריין א קאפיע פון אייער מערסט לעצטיגע אפטיילונג בויגן DD214, מיטגליד 4 צו:

New York State Department of Labor
PO Box 15130
Albany, NY 12212-5130

ווערדזשעס פארדינט ווען מען איז אין רעזערווס קענען געניצט ווערן צו באשטימען א קלעים אויב א רעזערוויסט האט 180 טעג נאכאנאנד פון אקטיוו דיוטי סערוויס.

## וויאזוי אפעקטירט מיליטערישע רעזערוו טרעינירונג מיין עקזיסטירנדע קלעים?

מיטגלידער פון די סטעיט ארמיי נאציאנעל גווארדיע אדער רעזערוון פונעם ארמיי, נעיווי, עיר פארס, מארין קארפס, אדער קאוסט גווארדיע זענען נישט בארעכטיגט צו באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן דערווייל וואס זיי זענען ביי יערליכע פעלד טרעינירונג. איר ווערט גערעכנט אלס ביידע נישט אוועילעבל פאר ארבעט און נישט אינגאנצן ארבעטסלאזיג. אבער, אייער חודש'לידע דריל סעסיעס אפעקטירן נישט אייער בארעכטיגונג פאר אייער פולע וואך בענעפיט סומע. מאכט זיכער איר האט געשיקט בויגן DD214, מיטגליד 4 צום אדרעס געוויזן אויבן.

## וואס איז אויב איך ארבעט פאר אן עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע?

אויב איר זענט אן ארבעטער פון אן עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע, זענט איר נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן ווען עס איז נישט דא קיין שולע **אויב** אייער ארבעטסגעבער האט אייך געגעבן לאגישע פארזיכערונג אז איר וועט ווערן אויפגענומען און באצאלט אויף אן ענדליכע אופן איינמאל שולע הויבט זיך נאכאמאל אן. איר האט לאגישע פארזיכערונג אויב:

- איר האט א קאנטראקט צו ארבעטן ווייטער נאך א שולע וואקאציע, האלידעי הפסקה אדער הפסקה צווישן טערמינען.
- אייער ארבעטסגעבער האט אייך געלאזט וויסן מיט גוטע ווילן אז עס איז זייער מעגליך אז איר וועט ווייטער ארבעטן און ווערן באצאלט אויף אן ענדליכע אופן נאך וואקאציע אדער הפסקה.

איר קענט זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן אויב איר האט ווערדזשעס פון אנדערע, נישט-עדיוקעישאנעל ארבעט דורכאויס די זעלבע צייט אפשניט.

אויב מען האט אייך נישט פארגעשלאגן ענדליכע ארבעט אין אן עדיוקעישאנעל איינהייט פאר די נייע טערמין אדער יאר, קענט איר זיין בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן. בשעת מיר קוקן איבער אייער קלעים, מוזט איר ווייטער קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפייען פאר בענעפיטן) יעדע וואך דורכאויס די צייט אפשניט פון ארבעטסלאזיקייט, אפילו אויב איר באקומט נישט בענעפיט באצאלונגען. ביטע זעט ***"ווי אזוי קלעים איך וועכנטליכע בענעפיטן?"*** **אין קאפיטל 6**.

**באמערקונג:** לאגישע פארזיכערונג גילט נישט אויב איר ארבעט אין אן עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע אבער אייער ארבעטסגעבער איז א קאנטראקטאר וואס שטעלט צו סערוויסעס צום עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע.

## טוט באקומען א פענסיע אפעקטירן מיינע בענעפיטן?

אויב איר האט ריטייערד און איר זוכט נישט ארבעט, זענט איר נישט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אויב איר האט ריטייערד פון אן ארבעט און איר **טוט** אקטיוו זוכן פאר אנדערע ארבעט, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר א ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. איר מוזט נאכקומען די זעלבע באדינגונגען ווי אלע אנדערע קלעימענטס.

אייער בענפיטן וועלן ווערן פארמינערט מיט 100 פראצענט פון די סומע פון די פענסיע אויב אייער באזע טערמין ארבעטסגעבער האט בייגעשטייערט צו עס, אפילו אויב איר האט אייך בייגעשטייערט צו די פענסיע. אויב איר זענט געווען די איינציגסטע ביישטייער צום פענסיע, וועלן אייערע בענעפיטן נישט פארמינערט ווערן.

די דעפארטמענט וועט אייך לאזן וויסן אויב אייערע בענעפיטן וועלן ווערן פארמינערט. אויב איר זענט נישט איינשטימיג קענט איר פארלאנגען א הירינג. ביטע זעט ***"הירינג און אפיעל פראצעדור"*** **אין קאפיטל 10**.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

אויב איר ווערט בארעכטיגט פאר א פענסיע דערווייל וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, מוזט איר מעלדן פאר'ן טעלעפאן קלעימס צענטער.* **וויכטיג: אויב איר לאזט אונז נישט וויסן, קענט איר באקומען אן איבערבאצאלונג וואס איר וועט דארפן צוריקצאלן.** אויב מיר טרעפן אז איר האט געשווינדלט, קענט איר אויך פארלירן צוקונפטיגע טעג פון בענעפיטן און זיין אויסגעשטעלט צו געלט שטראפן.

## טוט באקומען סאשעל סעקיוריטי אפעקטירן מיינע בענעפיטן?

באקומען סאשעל סעקיוריטי וועט נישט אפעקטירן אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אבער, איר מוזט זיין אוועילעבל פאר און זוכן ארבעט אן קיין באגרעניצונגען דערווייל וואס איר באקומט בענעפיטן אזוויי אלע אנדערע קלעימענטס.

## טוט באקומען ארבעטערס' פארגיטיגונג אפעקטירן מיינע בענעפיטן?

אויב איר באקומט ארבעטערס' פארגיטיגונג אבער איר זענט אוועילעבל און פיזיש פעאיג צו ארבעטן, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אבער, באקומען ארבעטערס' פארגיטיגונג בענעפיטן קענען מאכן אז אייער וועכנטליכע ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן זאלן ווערן פארמינערט. די סך הכל וועכנטליכע סומע פון אייער ארבעטערס' פארגיטיגונג און ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן קענען נישט זיין מער ווי די דורכשניטליכע וועכנטליכע וועידזש וואס איר האט פארדינט אין אייער באזע טערמין.

אויב איר קענט צוריקגיין צו די ארבעט, זייט גרייט אונז צו שיקן די מערסט לעצטיגע נעקסטע בעריכט פון שאדנס איינגעבונג (Subsequent Report of Injury, SROI). א פאפיר קאפיע וואלט געדארפט ווערן געשיקט צו אייך. אדער, קענט איר עס פרינט'ן פון אייער ארבעטערס' פארגיטיגונג עלעקטראנישע קעיס טעקע. ביטע זייט אויך גרייט אונז צו שיקן א צעטל אונטערגעשריבן דורך אייער דאקטער וואס זאגט אז איר קענט צוריקגיין צו די ארבעט.

איר מוזט מעלדן פאר'ן טעלעפאן קלעימס צענטער* וועגן סיי וועלכע ארבעטערס' פארגיטיגונג בענעפיטן וואס איר באקומט די זעלבע וואך וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. **וויכטיג: אויב איר לאזט אונז נישט וויסן, קענט איר באקומען אן איבערבאצאלונג וואס איר וועט דארפן צוריקצאלן.** די דעפארטמענט אוו לעיבער וועט באשטימען אויב אייער בענעפיטן זאלן פארמינערט ווערן. אויב איר זענט נישט איינשטימיג קענט איר פארלאנגען א הירינג. ביטע זעט ***"הירינג און אפיעל פראצעדור"* אין קאפיטל 10.**

## קען איך גיין אין שולע אדער טרענירונג דערווייל וואס איך באקום בענעפיטן?

איר קענט מעגליך אנטייל נעמען אין אן עדיוקעישאן אדער טרענירונג פראגראם דערווייל וואס איר באקומט בענעפיטן אויב איר ווערט אנגענומען אין די 599 פראגראם. די 599 פראגראם איז א ספעציעלע צושטעל צו די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס (UI) געזעץ וואס מאכט עס מעגליך פאר UI באקומערס צו באקומען בענעפיטן דערווייל וואס סיי נעמען אנטייל אין טרענירונג. אויב אייער טרענירונג איז באשטעטיגט אונטער די פראגראם זענט איר נישט פארלאנגט צו זוכן ארבעט. די 599 פראגראם באצאלט נישט פאר שכר לימוד אדער אנדערע שולע פארבינדענע הוצאות.

טרענירונג פראגראמען מוזן נאכקומען געוויסע בארעכטיגונג פאדערונגען כדי צו ווערן באשטעטיגט. אויב אייער טרענירונג איז באשטעטיגט אונטער די 599 פראגראם, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר אן עקסטערע 26 וואכן פון UI בענעפיטן - אין צוגאב צו די 26 וואכן פון אלגעמיינע UI בענעפיטן. **וויכטיג: איר מוזט זיך איינגעבן פאר די 599 פראגראם אינערהאלב די ערשטע 13 וואכן פון אייער קלעים צו באקומען די מאקסימום בענעפיטן.** א שפעטערונג צו מעלדן פאר'ן דעפארטמענט אוו לעיבער וועגן אייער טרענירונג קען פאראורזאכן א פארמינערונג פון סיי וועלכע עקסטערע בענעפיטן וואס קענען זיין אוועילעבל פאר אייך. אויב איר זאגט אונז נישט אז איר זענט אין טרענירונג דערווייל וואס איר באקומט בענעפיטן, קענט איר זיין אויסגעשטעלט צו שטראפן און איר קענט פארלירן צוקונפטיגע בענעפיטן. געלטער פאר נאך בענעפיטן זענען נישט אלעמאל אוועילעבל. אויב געלטער זענען נישט אוועילעבל, קען זיין אז איר וועט נישט באקומען עקסטערע בענעפיטן און די בענעפיטן קענען זיך אויפהערן פאר איר ענדיגט אייער טרענירונג.

איר מוזט אריינגעבן א 599 אפליקאציע צום דעפארטמענט אוו לעיבער ווי נאר איר ווערט אנגענומען אין א שולע אדער טרענירונג פאסיליטי. **וויכטיג: לאזט וויסן די דעפארטמענט אוו לעיבער ווי שנעלער אז איר זענט איינגעשריבן אין טרענירונג.** אויב איר האט געצייגט אז איר וועט אנטייל נעמען אין א טרענירונג פראגראם ווען איר האט איינגעגעבן אייער קלעים, מוזט איר שוין אריינגעבן א טרענירונג אפליקאציע צום דעפארטמענט אוו לעיבער אויפ'ן אדרעס צוגעשטעלט אויפ'ן אפליקאציע. איר קענט באקומען אן אפליקאציע אדער באקומען אלגעמיינע אינפארמאציע דורך זיך פארבינדן מיט די 599 צענטראלע איבערזוכט יוניט אויף **518-402-0189**.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

אויב איר ווילט זיך באטייליגן אין א טרענירונג און איר האט זיך נאכנישט איינגעשריבן, זאלט איר זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער ווי שנעלער. טרענירטע קאונסעלארס ביים קאריערע צענטער וועלן אייך העלפן מיט אייער טרענירונג געברויכן און צושטעלן אינפארמאציע וועגן טרענירונג פראגראמען אין אייער געגנט. צו טרעפן די נענטסטע קאריערע צענטער, ביטע קוקט אויף די אנליין קאריערע צענטער טרעפער אויף **dol.ny.gov/career-centers** אויב איר האט נישט א הויך-שולע דיפלאמע, קען זיין אז איר וועט נישט זיין בארעכטיגט צו באקומען א הויך-שולע אייניגע דעגרי דערווייל וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס. אויב איר האט באגרעניצטע ענגליש פעאיגקייטן, קענט איר אייך זיין ערלויבט צו גיין צו ענגליש אלס א צווייטע שפראך קלאס טרענירונג. פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער פאר מער אינפארמאציע.

## וואס איז אויב איך בין אין די ניו יארק סטעיט רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפ פראגראם?

אויב איר זענט אין א ניו יארק סטעיט רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפ פראגראם און איר נעמט אנטייל אין אפרענטיסשיפ טרענירונג בשעת איר קלעימ'ט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, מוזט איר לאזן וויסן פאר'ן טעלעפאן קלעימס צענטער* אז אייער טרענירונג איז א פאדערונג פאר אייער אפרענטיסשיפ אפמאך (בויגן AT401) פאר די רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפ פראגראם.

אויב איר זענט אינטערעסירט אין אנטייל נעמען אין א רעגיסטרירטע אפרענטיסשיפ פראגראם, פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע אפרענטיסשיפ אפיס פאר מער אינפארמאציע. פאר א ליסטע פון אפרענטיסשיפ אפיסעס, גייט צו **labor.ny.gov/apprenticeship/contactus.shtm**.

## אויפמאכן א ביזנעס: די זעלבסט-עמפלוימענט הילפס פראגראם (Self Employment Assistanbce Program, SEAP)

די זעלבסט-עמפלוימענט הילף פראגראם, אדער SEAP, ערלויבט אייך צו אנהויבן און פירן אייער אייגענע ביזנעס דערווייל וואס איר באקומט ביז 26 וואכן פון ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. איר דארפט נישט זוכן פאר אנדערע ארבעט דערווייל וואס איר נעמט אנטייל אין די SEAP פראגראם, אבער איר מוזט ארבעטן פולע-צייט אויף אייער ביזנעס. **וויכטיג: צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם, מוזט איר זיין אידענטיפיצירט אלס מעגליך צו אויסנוצן אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר איר טרעפט ארבעט.** אויך, מוזט איר אויך האבן 13 אדער מער וואכן פון בענעפיטן פארבליבן אויף אייער קלעים ווען איר געבט זיך איין פאר די SEAP. איר מוזט נאכקומען פראגראם בארעכטיגונג פאדערונגען און באקומען **שריפטליכע אננעמונג פונעם דעפארטמענט און לעיבאר** אין די SEAP פאר איר קענט אנהויבן אדער פירן אייער אייגענע ביזנעס דערווייל וואס איר באקומט בענעפיטן.

פאר מער אינפארמאציע וועגן SEAP, גייט צו **labor.ny.gov/seap** אדער פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

## איך האב פארלוירן מיין ארבעט צוליב די אינטערנאציאנעלע האנדל. וואס איז האנדל אדזשאסטמענט הילף (Trade Adjustment Assistance, TAA)?

אויב איר האט פארלוירן אייער ארבעט צוליב א מאנגל פון ארבעט דירעקט אדער אומדירעקט צוליב אן אינטערנאציאנעלע האנדל, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר די פעדעראלע טרעיד אדזשאסטמענט הילף פראגראם, אדער TAA אין קורצן. TAA הילף קען ארייננרעכענען:

- **באצאלטע טרענירונג:** די TAA פראגראם באצאלט פאר טרענירונג צו דערהיינטיגן סקילס אז איר זאלט קענען באקומען פאסיגע ארבעט. ערלויבטע סארטן טרענירונג שליסן איין: קלאססצימער, דיסטענץ/אנליין, פאסט-סעקאנדערי, אפרענטיסשיפ, GED צוגרייטונג, רימידיעל, פרירעקוויזיט, און ביים-ארבעט טרענירונג.
- **הילף צו טרעפן און טרענירן פאר א נייע ארבעט:** דאס קען ארייננרעכענען אפשאצן אייערע פעאיגקייטן, קאריערע קאונסעלינג, הילף צו שרייבן א רעזומעי און אינטערוויו סקילס, ארבעט רעפערעלס, און נאך.
- **טראנספארטאציע און אויפהאלטונג באצאלונגען** קענען אייך העלפן באצאלן פאר טראנספארטאציע און לעבן קאסטן ווען איר זענט אין טרענירונג אינדרויסן פון אייער קאמיוט רייזע געגנט.
- **ארבעט זוך אלאוענסעס** קענען אייך צוריקצאלן 90% פון רייזע קאסטן צו ארבעט אינטערוויוס אינדרויסן פון אייער קאמיוט רייזע געגנט.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

- **אריבערפירונג אלאוענסעס** קען אייך העלפן באצאלן 90% פון מופן קאסטן פאר אייך און אייער פאמיליע אויב איר ציעט זיך ארויס פון אייער קאמיוט רייזע געגנט פאר א נייע פאסטן.
- **האנדל ריאדזשאסטמענט ערלויבענישן (Trade Readjustment Allowances - TRA)** די וועכנטליכע אלאוענס ווערט באצאלט נאך איר האט אויסגענוצט אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורנעס, דערווייל וואס איר זענט אין פולע-צייט TAA-באשטעטיגטע טרענירונג.
- **ווידעראויפנאמע האנדל ריאדזשאסטמענט ערלויבענישן (Reemployment Trade Adjustment Allowances - RTAA)** שטעלט צו א וועידזש צוגאבע פאר ביז צוויי יאר, פאר די וואס זענען 50 יאר אדער עלטער און ווערן ווידער אויפגענומען צו די ארבעט פאר א יערליכע געהאלט פון $50,000 אדער ווייניגער. דער בענעפיט העלפט דעקן סיי וועלכע געהאלט לאך צווישן אייער אלטע און אייער נייע ארבעט.

**וויכטיג: איר מוזט נאכקומען געוויסע דעדליינס צו קוואליפיצירן פאר טייל פון די בענעפיטן.**

צו זיין בארעכטיגט פאר די בענעפיטן, מוז דער פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אוו לעיבער באשטעטיגן אז אויסלענדישע האנדל איז געווען א וויכטיגע סיבה פארוואס איר האט פארלוירן אייער פאסטן. א פעטיציע מוז ווערן איינגעגעבן צו באקומען די סערטיפיקעישאן. מען קען אריינגעבן דער פעטיציע דורך:

- א גרופע פון דריי מיטארבעטערס פון די זעלבע פירמע ביי די זעלבע ארבעטספלאץ
- א יוניאן באאמטער
- א פירמע באאמטער
- א פארשטייער פון א סטעיט אדער לאקאלע אגענטור ביי א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער

איר קענט באקומען א פעטיציע בויגן און איינגעבונג אנווייזונגען אנליין אויף **dol.gov/agencies/eta/tradeact/petitioners**. דער פעטיציע מוז ווערן איינגעגעבן צו די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אוו לעיבער אינהערהאלב איין יאר פונעם דאטום ווען איר האט פארלוירן אייער ארבעט. איינמאל א גילטיגע פעטיציע ווערט ערהאלטן דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אוו לעיבער וועט א באשלוס געמאכט ווערן אינערהאלב 40 טעג.

פאר מער דעטאלירטע אינפארמאציע וועגן הילף און סערוויסעס פאר וואס איר קענט זיין בארעכטיגט אונטער דעם פראגראם, פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבער קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג מאנטאג ביז פרייטאג.

## איך וועל מן הסתם נישט קענען טרעפן נאך א פאסטן אין מיין אלטע פעלד אדער פאך. וואס זענען "אומפלאצירטע ארבעטער" סערוויסעס?

אן "אומפלאצירטע ארבעטער" איז איינער וואס האט פארלוירן זייער ארבעט צוליב איינס פון די פאלגנדע סיבות:

- איר זענט אפגעזאגט געווארן פון אייער ארבעט, זענט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן און זענט אידענטיפיצירט דורך אונז אלס וועט מן הסתם נישט צוריקגיין צו אייער פריערדיגע אינדוסטרי אדער ארבעט
- איר האט פארלוירן אייער ארבעט אליך רעזולטאט פון א פירמע פארמאכונג אדער מערקווערדיגע לעי-אף
- איר זענט ארבעטסלאז פאר א לענגערע צייט און האט נישט אויסזיכטן צו באקומען נאך א פאסטן אין די זעלבע אדער ענדליכע פעלד
- איר זענט געווען זעלבסט-עמפלויד און זענט ארבעטסלאז צוליב די אלגעמיינע עקאנאמישע צושטאנד אדער א נאטורליכע ערנסטע פאסירונג, אדער
- איר זענט א מאן/ווייב פון א מיטגליד פונעם ארמיי אויף אקטיוו דיוטי וואס האט פארלוירן ארבעט אלס א דירעקטע אורזאך פון זיך אריבערציען צו אקאמאדירן א שטענדיגע טויש פון דיוטי סטאנציע פון אזא מיטגליד

איר קענט אויך ווערן גערעכנט אלס אן אומפלאצירטע ארבעטער אויב איר זענט נישט געווען ביי די ארבעט פאר פיל יארן. צום ביישפיל: איר זענט געווען א פולע-צייט שטוב פירער און איר מוזט יעצט צוריקגיין צו די ארבעט ווייל איר האט פארלוירן אייער קוואל פון פארדינסט.

אלס אן אומפלאצירטע ארבעטער, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ווידער טרענירונג און אנדערע סערוויסעס. פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער פאר אינפארמאציע וועגן סערוויסעס אוועילעבל צו אייך אונטער דעם פראגראם. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבער קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## וואס איז אויב איך האב נישט געארבעט אין ניו יארק סטעיט אין די פארגאנגענע 18 מאנאטן?

אויב איר האט נישט געארבעט אין ניו יארק סטעיט אין די לעצטע 18 מאנאטן, זאלט איר פייל'ן אייער קלעים מיט איינס פון די סטעיטס וואו איר האט געארבעט. קוקט אויף די אנדערע סטעיט'ס וועבזייטל צו געוואר ווערן וויאזוי זיך איינצוגעבן אין יעדע סטעיט.

## וואס איז אויב איך האב געארבעט אין ניו יארק סטעיט און אין איין אדער מער אנדערע סטעיטס אין די פארגאנגענע 18 מאנאטן?

אויב איר האט געארבעט אין ניו יארק סטעיט און אין איין אדער מער אנדערע סטעיטס אין די פארגאנגענע 18 מאנאטן, מעלדט דעם דעפארטמענט אזוי לעיבאר ווי פריער. דורך נוצן ווידזשעס פון אנדערע סטעיטס, קענט איר האבן גענוג ווידזשעס צו קוואליפיצירן פאר בענעפיטן אדער באקומען א העכערע בענעפיט סומע. אויב ווידזשעס פון אנדערע סטעיטס פעלן פון אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג, פולט אויס און שיקט צוריק די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן ביים ענדע פון דעם וועגווייזער.

## ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן זענען אויסגעשטעלט צו שטייער

ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן זענען אויסגעשטעלט צו פעדעראלע, ניו יארק סטעיט און לאקאלע שטייערן. איר קענט צוריקהאלטן די פעדעראלע און/אדער סטעיט שטייערן פון אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אויב איר טוט עס נישט, קענט איר שולדיג זיין שטייערן סוף יאר. אויב איר זענט מחליט צוריקצוהאלטן פעדעראלע שטייערן, וועט מען צוריקהאלטן צען פראצענט פון אייער וועכנטליכע בענעפיט סומע. אויב איר זענט מחליט צוריקצוהאלטן סטעיט שטייערן, וועט מען צוריקהאלטן 2.5 פראצענט פון אייער וועכנטליכע בענעפיט סומע. פעדעראלע און/אדער סטעיט שטייערן וועלן נאר ווערן צוריקגעהאלטן נאך פארלאנגטע דעדאקשאנס, אזוויו טשיילד סאפארט באצאלונגען, ווערן געמאכט. שטייער צוריקהאלטן איז פרייוויליג. איר קענט אויפהערן אדער אנהויבן צו צוריקהאלטן סיי ווען דורך אייער אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. לייגט אריין אייער ny.gov יוזערנעים און פאסווארד. קליקט אויפ'ן 'ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס' (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט. קליק'ט אויף די 'דערהייַנטיג אייער פערזענליכע אינפארמאציע' (Update Your Personal Information) קנעפל אויף די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אנליין (Unemployment Insurance Benefits Online) בלאט. קליקט אויפ'ן 'דערהייַנטיג שטייער צוריקהאלטונג' (Update Tax Withholding) בלאט. אדער קענט איר רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער.* די דעפארטמענט אוו לעיבאר קען נישט צוריקגעבן סיי וועלכע צוריקגעהאלטענע געלטער פאר שטייער צו אייך.

## ענדע יאר שטייער סטעיטמענט (פארם 1099-G)

אין אנהויב יאנואר, וועט אייער שטייער סטעיטמענט (פארם 1099-G) זיין אוועילעבל. עס וועט ווייזן די סך הכל ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן געצאלט צו אייך דורכאויס א לוח יאר און סיי וועלכע שטייערן צוריקגעהאלטן. איר קענט עס פרינט'ן פון אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**, לייגט אריין אייער NY.gov יוזערנעים און פאסווארד. קליקט אויפ'ן 'ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס' (Unemployment Services) קנעפל אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט. קליק'ט אויף די 'באקומט אייער Get Your NYS 1099-G' (NYS 1099-G) קנעפל אויף די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אנליין בלאט. אדער, קענט איר רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער* (נאך איר וועלט אויס א שפראך, פאלגט אויס די אנווייזונגען צו באקומען אייער 1099 פארם) צו באקומען א קאפיע אויף פאסט. איר וועט דארפן די PIN וואס איר האט געמאכט ווען איר האט איינגעגעבן אייער קלעים. פארם 1099-G אינפארמאציע ווערט אויך געשיקט צו די פעדעראלע אינטערנעל רעוועניו סערוויס און צו די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס. אויב איר דארפט א קאפיע פונעם 1099-G פארמס פון פריערדיגע קלעים יארן, רופט **518-485-7071**.

אויב איר האט פראגעס וועגן פעדעראלע שטייערן, רופט די **אינטערנעל רעוועניו סערוויס (IRS)** אויף **800-829-1040** אדער באזוכט **irs.gov**. אויב איר האט פראגעס וועגן סטעיט שטייערן, רופט די **ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנס אויף 518-457-5181** אדער באזוכט **tax.ny.gov**.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## מיין ארבעטסגעבער האט מיר באצאלט אלס אן אינדעפענדענט קאנטראקטאר און/אדער מיר באצאלט נישט אויף די ביכער. וואס זאל איך טון?

עס איז קעגן די געזעץ פאר אן ארבעטסגעבער אייך צו צווינגען צו אויפגעבן אייערע רעכטן זיך צו איינגעבן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. קיין ארבעטסגעבער זאל אייך נישט זאגן אז איר קענט נישט קלעימ'ן בענעפיטן. יעדער האט א רעכט איינצוגעבן א קלעים. דער דעפארטמענט אוו לעיבאר וועט באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט פאר בענעפיטן. עס מאכט נישט אויס אויב אייער ארבעטסגעבער באטראכט אייך אלס אן אינדעפענדענט קאנטראקטאר אדער אן נישט-אויף-די-ביכער ארבעטער. עס מאכט נישט אויס אויב איר זענט באצאלט געווארן אין קעש, טשעק, טייל קעש/טייל טשעק אדער אן אנדערע אופן. אויב איר מיינט אז איר זענט בארעכטיגט פאר בענעפיטן, זאלט איר זיך איינגעבן און לאזט דער דעפארטמענט איבערקוקן אייער קעיס.

אויב איר זענט נישט ריכטיג קלאסיפיצירט געווארן אלס אן אינדעפענדענט קאנטראקטאר אדער באצאלט געווארן נישט אויף די ביכער, קען זיין אז אייער געהאלט וועט נישט ערשיינען אויף אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג בויגן. ביטע זעהט ***"אויב וועידזשעס און/אדער ארבעטסגעבערס פעלן פון אייער געלטליכע בענעפיט באשטימונג מעלדונג" אין קאפיטל 4***. פולט אויס און שיקט צוריק די פארלאנג פאר ווידער-באטראכטונג בויגן ביים ענדע פון דעם האנטבוך.

איר קענט באקומען א פראגע בויגן צו אויספולן אדער קענט איר ווערן גערופן דורך די טעלעפאן קלעימס צענטער* וועגן אייער ארבעטער קלאסיפיקאציע סטאטוס. פולט אויס און שיקט צוריק סיי וועלכע פראגע בויגנס וואס איר באקומט, ווי שנעלער. **ביטע באמערקט:** אינדעפענדענט קאנטראקטאר/נישט אויף די ביכער באצאלונג פראבלעמען קענען געדויערן מער ווי זעקס וואכן צו לעזן.

אויב איר ווייסט וועגן אנדערע ארבעטערס וואס זענען נישט ריכטיג קלאסיפיצירט, רופט די ארבעטסגעבער שווינדל האטליין אויף **866-435-1499** (24 שעה) אדער די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס שווינדל יוניט אויף **518-485-2144** פון 8 אינדערפרי ביז 4 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג. מיר וועלן האלטן אייער אינפארמאציע פריוואט און איר קענט בלייבן אנאנים.

## איך האב אויסגענוצט אלע 26 וואכן פון בענעפיטן. קען איך פארלענגערן מיינע בענעפיטן?

ווי עס שטייט יעצט, טוט ארבעטלאזיקייט אינשורענס צושטעלן א מאקסימום פון 26 וואכן פון בענעפיטן. עס זענען נישטא קיין אויסנאמען. קאנגרעס האט נישט פארלענגערט דעם פראגראם. אויב איר זענט נאך ארבעטסלאז און ווילט וויסן וועלכע אנדערע בענפעיטן קענען זיין אוועילעבל פאר אייך, באזוכט די **mybenefits.ny.gov** וועבזייטל. נאך אייער בענעפיט יאר ענדיגט זיך, אויב איר זענט נאך ארבעטסלאז, קענט איר איינגעבן נאך א קלעים צו זען אויב איר זענט בארעכטיגט.

## וויאזוי באקום איך באווייז אז איך באקום אדער האב באקומען ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן?

אויב איר געבט זיך איין פאר אנדערע סארט רעגירונג בענעפיטן, קענט איר ווערן פארלאנגט צו צייגן באווייז אז איר באקומט אדער האט באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענפיטן. צו באקומען די רעקארדס, שרייבט אייך אריין אין אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, וועלט אויס "ארבעטסלאזיקייט סערוויסעס(Unemployment Services" ), דאן "זען באצאלונג היסטאריע" (View Payment History). אויב איר האט נישט צוטריט אנליין, רופט **888-581-5812** און פאלגט אויס די אנווייזונגען צו באקוקן אייער באצאלונג היסטאריע

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 12 ווערטער בוך פון וויכטיגע טערמינען

***באזע טערמין:*** א באזע טערמין שטעלט פאר איין יאר פון אייער ארבעט און ווידזשעס (פיר לוח פערטלעך). איר מוזט האבן באקומען באצאלט א מינימום סומע אין די פיר פערטלעך צו זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

***עיקר באזע טערמין:*** די **ערשטע פיר** פון די **לעצטע פינעף** פארענדיגטע לוח פערטלעך פאר איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן. די פערטל אין וואס איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן קען נישט גערעכנט ווערן אלס טייל פון אייער באזע טערמין.

***אנדערע באזע טערמין:*** די **לעצטע פיר** פארענדיגטע לוח פערטלעך באלד פאר איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן. די פערטל אין וואס איר געבט זיך איין פאר בענעפיטן ווערט נישט גערעכנט אלס טייל פון אייער אנדערע באזע טערמין.

***פארלענגערטע באזע טערמין:*** אייער עיקר באזע טערמין, אינאיינעם מיט די איינס אדער צוויי פערטלעך פארדעם, שטעלן צאם אייער פארלענגערטע באזע טערמין. אוועילעבל בלויז צו קלעימענטס וואס האבן באקומען ארבעטערס פארגיטיגונג אדער וואלונטיר פייערלעשערס' בענעפיטן און קוואליפיצירן נישט באזירט אויף די פארדינסטן אין זייער עיקר אדער אנדערע באזע טערמינען.

***בענעפיט ראטע:*** די בענעפיט ראטע איז די סומע געלט וואס איר באקומט אויב איר זענט בארעכטיגט פאר א פולע וואך פון ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. עס ווערט אויסגערעכנט באזירט אויף אייער באזע טערמין ארבעט און פארדינסטן.

***בענעפיט יאר:*** די בענעפיט יאר איז די איין-יאר טערמין וואס הויבט זיך אן די מאנטאג נאך די וואך וואס איר האט איינגעגעבן אייער אריגינעלע קלעים. איר קענט ווערן באצאלט בענעפיטן פאר ביז 26 וואכן אדער א טערמין וואס איז אייניג דערמיט דורכאויס אייער בענעפיט יאר. אויב איר זענט נאך ארבעטסלאז אדער איר ווערט ארבעטסלאז דורכאויס די וואך באלד נאך די ענדע פון אייער בענעפיט יאר, מוזט איר איינגעבן א נייע קלעים באלד נאך די ענדע פון אייער בענעפיט יאר.

***בענעפיט יאר ענדע דאטום:*** די בענעפיט יאר ענדע דאטום איז דער דאטום ווען אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס קלעים ענדיגט זיך. נאך די בענעפיט יאר ענדיגט זיך, קענט איר מער נישט באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן אויף יענע קלעים. אייער בענעפיט יאר ענדע דאטום ווערט געצייגט אויף די דאקומענטן וואס מיר שיקן צו אייך. איר קענט עס אויך טרעפן דורך אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. אויב איר זענט ארבעטסלאז פאר טייל פון אייער בענעפיט יאר, אבער איר בלייבט ארבעטסלאז נאך די בענעפיט יאר ענדע דאטום, קענט איר איינגעבן א נייע קלעים אויף אונזער וועבזייטל אדער דורך רופן אונזער טעלעפאן קלעימס צענטער.*

***סערטיפיי'ען פאר בענעפיטן:*** דער פראצעדור פון קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן ווערט אויך אנגערופן סערטיפייען פאר בענעפיטן. דאס איז ווייל ווען איר ענטפערט די פראגעס אלס טייל פון קלעימ'ן וועכנטליכע בענעפיטן, טוט איר סערטיפייען צום דעפארטמענט אוו לעיבער אז אייערע ענטפערס זענען אמת און ריכטיג און אז איר זענט גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן.

***ציווילע שטראף:*** די געלט שטראף פאר ווילנדיג (וויסנדיג) מאכן פאלשע דערקלערונגען אדער צוריקהאלטן פארבינדענע פאקטן צו באקומען בענעפיטן. דער סומע איז $100 אדער 15% פון אייער איבער-באצאלונג סומע, וועלכע עס איז העכער. זעט ***"געלט שטראף."***

***קלעים:*** אייער קלעים איז אן אפליקאציע פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. אויב מיר באשטעטיגן אייער אפליקאציע און איר באקומט בענעפיטן, וועלן מיר אויך אנרופן אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס קעיס אלס אייער קלעים.

***קלעימענט:*** סיי וועלכע מענטש וואס זוכט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

***געדעקטע ארבעט:*** ארבעט וואס קען גענוצט ווערן צו באשטימען א קלעים פאר ארבעטסלאזע אינשורענס בענעפיטן. דער גרעסטע פארלאנגט רוב ארבעטסגעבערס צו צושטעלן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס דעקונג. די ארבעטסגעבער באצאלט ביישטייערונגען צו ניו יארק סטעיט, וואס ווערט גענוצט צו באצאלן אייער בענעפיטן. עס זענען דא עטליכע סארט ארבעט וואס ווערן נישט געדעקט דורך ארבעטסלאזיקייט אינשורענס. אויב אייער ארבעט איז נישט געווען געדעקט, וועט די דעפארטמענט אוו לעיבאר אייך אזוי זאגן אין א בריוו.

***באשטימונג:*** פאר די צוועקן פונעם ארבעטסלאזיקייט אינשורענס פראגראם, איז א באשטימונג די פארמאלע נאמען פון א באשלוס וואס דער דעפארטמענט אוו לעיבאר מאכט וועגן אייער קלעים. צום ביישפיל, די געלטליכע בענעפיט באשטימונג בויגן זאגט אייך אונזער באשלוס וועגן וויפיל איר קענט באקומען אין בענעפיטן יעדע וואך. א בארעכטיגונג באשטימונג וועלכע זאגט אייך אויב איר זענט בארעכטיגט פאר בענעפיטן. עס איז וויכטיג צו ליינען, פארשטיין און אוועקלייגן סיי וועלכע מעלדונג וואס איר באקומט פון אונז און האט "באשטימונג" אלס א טיטל.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

***אומפלאציירטע ארבעטער:*** אן אומפלאציירטע ארבעטער איז איינער וואס האט פארלוירן זייער ארבעט צוליב איינס פון די פאלגנדע סיבות:

- איר זענט אפגעזאגט געווארן פון אייער ארבעט, זענט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן און זענט אידענטיפיצירט דורך אונז אלס וועט מן הסתם נישט צוריקגיין צו אייער פריערדיגע אינדוסטרי אדער ארבעט
- איר האט פארלוירן אייער ארבעט אלץ רעזולטאט פון א פירמע פארמאכונג אדער מערקווערדיגע לעי-אף
- איר זענט ארבעטסלאז פאר א לענגערע צייט און האט נישט אויסזיכטן צו באקומען נאך א פאסטן אין די זעלבע אדער ענדליכע פעלד, אדער
- איר זענט געווען זעלבסט-עמפלויד און זענט ארבעטסלאז צוליב די אלגעמיינע עקאנאמישע צושטאנד אדער א נאטורליכע ערנסטע פאסירונג

איר קענט אויך ווערן גערעכנט אלס אן אומפלאצירטע ארבעטער אויב איר זענט נישט געווען ביי די ארבעט פאר פיל יארן.

***אפעקטיווע טאג:*** יעדע טאג אין א וואך (מאטאג ביז זונטאג) וואס איר קוואליפיצירט פאר בענעפיטן ווערט אנגערופן אן אפעקטיווע טאג. עס איז דא א מאקסימום פון פיר אפעקטיווע טעג יעדע וואך, און איר מוזט קוואליפיצירן פאר אלע פיר אפעקטיווע טעג צו באקומען אייער סך הכל וועכנטליכע בענעפיט ראטע. פאר יעדע טאג אין א וואך וואס איר זענט נישט בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן, וועט איר באקומען איין טאג ווייניגער אפעקטיווע טעג, וואס קומט אויס איין פערטל פון אייער וועכנטליכע בענעפיט ראטע.

| **שעות געארבעט אין א וואך** | **צאל פון טעג מיר רעכענען אז איר האט געארבעט** | **פראצענט פון וועכנטליכע בענעפיט ראטע פאר וואס איר זענט בארעכטיגט** |
|---|---|---|
| 0-10 | 0 | 100% |
| 11-16 | 1 | 75% |
| 17-21 | 2 | 50% |
| 22-30 | 3 | 25% |
| 31 אדער מער | 4 | 0% |

***599 פראגראם:*** א פראגראם וואס ערלויבט אייך צו זיין אין שולע אדער טרענירונג דערווייל וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. **איר מוזט לאזט וויסן די דעפארטמענט און לעיבאר ווי שנעלער אז איר זענט איינגעשריבן אין טרענירונג.**

***איינגעבן א קלעים:*** ווען איר מאכט דעם ערשטן אפליקאציע פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. דאס איז נישט די זעלבע ווי א וועכנטליכע סערטיפיקעישאן פאר בענעפיטן (זעט מיינונג פון "סערטיפייען פאר בענעפיטן" אויבן). אריינצוגעבן א קלעים אנליין, מוזט איר מאכן אן NY.gov אקאונט ביי **labor.ny.gov/signin.**

***פארלוירענע טעג:*** פארלוירענע טעג זענען צוקונפטיגע בענעפיטן וואס איר קענט קלעימ'ן וואס איר פארלירט אלס א שטראף. יעדע פארלוירענע טאג איז אייניג צו איין אפעקטיווע טאג (זעה אויבן). אפילו אויב איר זענט אין אלגעמיין בארעכטיגט, וועלן סיי וועלכע קלעימס וואס איר געבט אריין ערשט גיין צו באצאלטן דעם שטראף פאר איר קענט ווערן באצאלט. פארלוירענע טעג קענען נאר ווערן צוגעלייגט צו קלעימס וואס ווערן פאקטיש איינגעגעבן און קענען אנגיין פאר עטליכע בענעפיטן יארן. די שטראף בלייבט אין קראפט ביז איר האט סערווירט אלע אייער פארלוירענע טעג אדער ביז די אויסלויף דאטום, וועלכע עס איז ערשט.

***שווינדל:*** א טאט פון אויספאפן אדער נישט ריכטיג פארשטעלן. צום ביישפיל, סערטיפייען אז איר האט נישט געארבעט ווען איר האט יא געארבעט צו באקומען ארבעטלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן.

***לאקאלע לעיבאר מארקעט ארט:*** אייער לאקאלע לעיבאר מארקעט מיינט אן ארט וואס איר קענט צוקומען אינערהאלב איין שעה דורך פריוואטע טראנספארטאציע אדער איין-און-א-האלב שעה דורך פובליק טראנספארטאציע. איר זאלט זיך פילן ערלויבט צו פארברייטערן אייער ארבעט זוך ווייטער ווי די ערטער. וואו באנוצט אין די וועגווייזער, איז אייער לאקאלע מארקעט ארט סיי וועלכע טייל פון ניו יארק סטעיט און אינערהאלב פיפציג (50) מייל פון איר גרעניצן.

***נישט גוטע אויפפירונג:*** נישט גוטע אויפפירונג איז סיי וועלכע טאט אדער אויסלאזונג וואס איר האט געוואוסט איז נישט ערלויבט ביי די ארבעט און וואס האט פאראורזאכט אדער וואלט געקענט פאראורזאכן שאדענס צום ארבעטסגעבער.

***געלט בענעפיט באשטימונג:*** א מעלדונג וואס ווייזט אויב איר האט גענוג פארדינסטן צו קוואליפיצירן פאר בענעפיטן. עס ווייזט אייער באזע טערמין, בענעפיט ראטע (אויב פארהאן) און ארבעטסגעבער און ווידזשעס גענוצט צו רעכענען די בענעפיט ראטע. **וויכטיג: א געלטליכע בענעפיט באשטימונג זאגט אייך נישט אויב איר זענט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.** עס ווייזט פשוט אויב איר האט גענוג ווידזשעס צו

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 1220-662 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

זיין בארעכטיגט פאר א בענעפיט ראטע. עס קענען זיין אנדערע סיבות וואס באשטימען אויב איר זענט אדער זענט נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן.

***געלט שטראף:*** א געלט שטראף ווערט גערעכנט אויב מיר האבן באשטימט אז איר האט ווילנדיג (וויסנדיג) געמאכט פאלשע דערקלערונגען אדער צוריקגעהאלטן פארבינדענע פאקטן צו באקומען בענעפיטן. דער שטראף איז $100 אדער 15% פון די איבער-באצאלונג סומע, וועלכע עס איז העכער און ווערט גערעכנט אין צוגאב צו סיי וועלכע בענעפיטן וואס מוזן ווערן צוריקגעצאלט. זעט ***"ציווילע שטראף."***

***מעלדונג פון באשטימונג:*** א באשטימונג איז די פארמאלע נאמען פון א באשלוס וואס דער דעפארטמענט אוו לעיבאר מאכט וועגן אייער קלעים. עס איז א וויכטיגע דאקומענט און שטעלט אייך צו די רעכט פאר א הירינג אויב איר זענט נישט איינשטימיג.

***איבערבאצאלונג:*** א איבערבאצאלונג פאסירט ווען איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן וועלכע איר זענט נישט בארעכטיגט פאר. אין רוב פעלער, מוזן איבערבאצאלונגען ווערן צוריקגעצאלט צו דער דעפארטמענט אוו לעיבאר. אויב איר האט אויסגעוועלט צו צוריקהאלטן די פעדעראלע און/אדער סטעיט שטייערן פון אייער בענעפיטן מוזט איר אויך צוריקצאלן די צוריקגעהאלטענע סומע.

***גרייט, ווילig און פעאיג:*** ווען איר געבט איין פאר ארבעטלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן, מוזט איר זיין גרייט צו נעמען אן ארבעט זאפארט, אפילו מיט א מינוט מעלדונג. איר מוזט אויך קענען ארבעטן (נישט קראנק, אין שפיטאל אדער נישט קענען באקומען קינדער קעיר). יעדע וואך, מוזט איר באשטעטיגן אז איר זענט געווען גרייט, ווילig און פעאיג צו ארבעטן.

***לאגישע פארזיכערונג:*** אויב איר זענט אן ארבעטער פון אן עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע, זענט איר נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן ווען עס איז נישט דא קיין שולע **אויב** אייער ארבעטסגעבער האט אייך געגעבן לאגישע פארזיכערונג אז איר וועט ווערן איפגענומען און באצאלט אויף אן ענדליכע אופן איינמאל שולע הויבט זיך נאכאמאל אן. איר וועט האבן לאגישע פארזיכערונג אויב:

- איר האט א קאנטראקט צו ארבעטן ווייטער נאך א שולע וואקאציע, האלידעי הפסקה אדער הפסקה צווישן טערמינען.
- אייער ארבעטסגעבער האט אייך געלאזט וויסן מיט גוטע ווילן אז עס איז זייער מעגליך אז איר וועט ווייטער ארבעטן און ווערן באצאלט אויף אן ענדליכע אופן נאך וואקאציע אדער הפסקה.

איר קענט זיין בארעכטיגט פאר בענעפיטן אויב איר האט ווידזשעס פון אנדערע, נישט-עדיוקעישאנעל ארבעט דורכאויס די זעלבע צייט אפשניט. **באמערקונג:** לאגישע פארזיכערונג גילט נישט פאר אייך אויב איר ארבעט אין אן עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע אבער אייער ארבעטסגעבער איז א קאנטראקטאר וואס שטעלט צו סערוויסעס צום עדיוקעישאנעל אינסטיטוציע.

***די זעלבסט-עמפלוימענט הילפס פראגראם (SEAP):*** די זעלבט-עמפלוימענט הילף פראגראם ערלויבט געוויסע ארבעטסלאזע מענטשן צו אנהויבן און פירן זייער אייגענע ביזנעס דערוויל וואס זיי באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם, מוזט איר זיין אידענטיפיצירט **דורך די דעפארטמענט אוו לעיבאר** אלס מעגליך צו אויסנוצן בענעפיטן. איר מוזט אויך האבן 13 אדער מער וואכן פון בענעפיטן פארבליבן אויף אייער קלעים. איר מוזט בעטן און באקומען **שריפטליכע אננעמונג** אין די SEAP פראגראם פונעם דעפארטמענט אוו לעיבאר פאר איר קענט אנהויבן אדער פירן אייער אייגענע ביזנעס דערוויל וואס איר באקומעט בענעפיטן. אויב איר ווערט אנגענומען אין SEAP, וועט איר קענען ארבעטן פולע צייט צו אנהויבן און פירן אייער ביזנעס דערוויל וואס איר באקומט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענפיטן, אפילו אויב איר פארדינט געלט פון אייער ביזנעס. פאר מער אינפארמאציע וועגן SEAP, גייט צו **labor.ny.gov/seap** אדער פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

***TAA פראגראם:*** די האנדל אדזאסטמענט הילף (האנדל אקט) פראגראם איז א פעדעראלע פראגראם וואס שטעלט צו ספעציעלע בענעפיטן און סערוויסעס צו ארבעטערס וואס האבן פארלוירן זייער ארבעט אין רעזולטאט פון אויסלענדיגע האנדל. פארבינדט זיך מיט א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער פאר מער אינפארמאציע. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

***טעלעפאן קלעימס צענטער:*** די אפיס פון די דעפארטמענט אוו לעיבאר וואס ספראוועט זיך מיט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס קלעימס. די פליכטן פונעם דעפארטמענט אוו לעיבאר ארבעטערס וואס ארבעטן ביים טעלעפאן קלעימס צענטער (TCC) שליסן איין אננעמען קלעימס, ענטפערן פראגעס פון קלעימענטס און ארבעטסגעבער, אידענטיפיצירן מעגליכע פראבלעמען מיט קליעמס, באקומען אינפארמאציע וואס פעלט אויס צו באשליסן וועגן א לעגאלע פראבלעם און מאכן באשלוסן אויף לעגאלע ענינים.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

***ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפהאק וועידזש (UI Cutoff Wage):*** א וועידזש וואס איז 10% וויניגער ווי די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנהאלטנדע וועידזש פאר א ספעציפישע פאסטן.

***ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אנהאלטנדע וועידזש:*** די אנהאלטנדע וועידזש איז די באצאל ראטע פאר ענדליכע ארבעט אין א געוויסע געגנט ווי באשטימט דורך אן אנקעטע געמאכט דורך די דעפארטמענט אוו לעיבער. **וויכטיג: די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנהאלטנדע וועידזש זאל נאר גענוצט ווערן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס צוועקן. עס זאל נישט גענוצט ווערן פאר אנהאלטנדע וועידזשעס פאר פובליק ארבעט אדער אויסלענדיגע ארבעט סערטיפיקעישאן צוועקן, צום ביישפיל.** צו געוואר ווערן די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אנהאלטענדע געהאלט פאר סיי וועלכע פאסטן, ביטע גייט צו **statistics.labor.ny.gov/uiwages.shtm** אדער פרעגט ביי די ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער.

***וואך פון עמפלוימענט:*** א מאנטאג-ביז-זונטאג צייט אפשניט אין וואס איר זענט באצאלט געווארן וועידזשעס פאר ארבעט אין געדעקטע עמפלוימענט.

***ווארט טערמין אדער וואך:*** די ערשטע גאנצע וואך פון אייער קלעים איז א ווארטן טערמין אדער וואך. איר וועט נישט באקומען קיין ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן פאר דעם וואך. נאך די ווארט טערמין, וועט איר באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורנעס בענעפיטן פאר יעדע וואך וואס איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטן.

איר מוזט זיין גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן דורכאויס די ווארטן וואך, פונקט ווי סיי וועלכע אנדערע וואך אין וואס איר ווארט צו באקומען אנעמפלוימענט אינשורענס בענעפיטן. אין צוגאב דערצו, מוזט איר אויך נאכקומען אלע ארבעט זוך און פארבינדענע רעקארד-האלטן פאדערונגען. פאר מער אינפארמאציע, ביטע זעט ***"וואס זענען די ארבעט זוכן פאדערונגען?"* אין קאפיטל 7**.

אויב איר ארבעט 11 שעה אדער מער דורכאויס די ערשטע וואך פון אייער קלעים אדער איר האט נישט געהאט די פולע ווארטן וואך פאר אן אנדערע סיבה, וועט די ווארטן טערמין פארלענגערט ווערן אריין אין די נעקסטע וואך(ן). א פולע ווארטן וואך איז פיר אפעקטיווע טעג. זעט ***"אפעקטיוו טאג."***

***וואך ענדע דאטום:*** די וואך ענדע דאטום איז זונטאג פון די וואך פאר וואס איר קלעימ'ט בענעפיטן.

***ווילנדיג נישט ריכטיגע פארשטייערונג:*** ווען איינער שטעלט צו אינפארמאציע צום דעפארטמענט אוו לעיבאר וואס זיי האבן געוואוסט איז געווען פאלש.

***ארבעט זוך פלאן:*** אן ארבעט זוך פלאן איז א פארמאלע הסכם וואס איז אנטוויקלט און אונטערגעשריבן דורך אייך און אייער ווארקפארס אדווייזער אין א ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער. דער הסכם שרייבט גענוי וועלכע סארט ארבעט איר זוכט, וועלכע ארבעט זוך אקטיוויטעטן איר וועט טון און ווי אפט איר וועט זיי טון און די באצאלט וואס איר מוזט זוכן און אננעמען, אויב איר ווערט פארגעשלאגן א פאסטן. דער פלאן וועט אויך אדרעסירן סיי וועלכע באגרעניצונגען וואס קענען ווירקן אויף אייער ארבעט זוכן. צו טרעפן די נענטסטע ניו יארק סטעיט קאריערע צענטער, גייט צו **dol.ny.gov/career-centers** אדער רופט די דעפארטמענט אוו לעיבאר קאנטאקט צענטער אויף **888-469-7365** צווישן 8:30 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 13 ביילאגע I: קלעימענט אדוואקאט אפיס

## העלפן קלעימענטס פארשטיין זייערע רעכטן און פליכטן דורכאויס די ארבעטסלאזיקייט אינשורענס פראצעדור

די קלעימענט אדוואקאט אפיס ארבעט אינערהאלב די דעפארטמענט און לעיבאר'ס ארבעטסלאזיקייט אינשורענס אפטיילונג, אפגעזינדערט פון די טעלעפאן קלעימס צענטער (TCC). אדוואקאטן שטעלן צו אומזיסטע, יושר'דיגע, און קאנפידענציאלע סערוויסעס וואס העלפן קלעימענטס, איבערהויפט די מיט באגרעניצטע ענגליש פעאיגקייט אדער אנדערע שטערונגען, פארשטיין זייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אונטער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס געזעץ.

מיר העלפן קלעימענטס דורך וויסנשאפט. אפטמאל קענט איר אליין לעזן א שוועריגקייט וואס איר מאכט מיט, אבער איר ווייסט נישט וואו אנצוהויבן. דא קומען מיר אריין.

מיר נעמען די צייט מיט יעדע מענטש צו פארזיכערן אז איר פארשטייט אינגאנצן וואס פאסירט און מיר פרובירן אייך צו געבן א פולע פארשטענדעניש פון וויאזוי דער פראצעדור ארבעט.

## מיט וועלכע פראבלעמען קען די קלעימענט אדוואקאט אפיס העלפן?

- איר האט באקומען א באשטימונג אדער פראגע בויגן און איר פארשטייט עס נישט אינגאנצן
- איר זענט געטראפן געווארן נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן און דארפט הילף מיט'ן הירינג פראצעדור
- איר האט א צוקונפטיגע הירינג אדער אפיעל און איר דארפט הילף זיך צו גרייטן פאר דעם
- עס איז געווען מער ווי זעקס וואכן זייט איר האט איינגעגעבן אייער קלעים און איר האט נאכנישט באקומען בענעפיטן אדער א באשטימונג

## די קלעימענט אדוואקאט אפיס קען נישט:

- צושטעלן געזעצליכע פארטרעטער
- פארשנעלערן א קלעים וואס איז אין א סטאנדארט איבערזיכט צייט אפשניט
- מאכן א באשלוס וועגן אייער בארעכטיגונג
- באאיינפלוסן די תוצאה פון א קלעים
- באצאלן בענעפיטן

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

## ווען זאל איך זיך פארבינדן מיט די טעלעפאן קלעימס צענטער (TCC) אנשטאט די קלעימענט אדוואקאט אפיס?

**וויכטיג:** אייער ערשטע באצאלונג וועט אין אלגעמיין ווערן געמאכט אין צוויי ביז דריי וואכן פון די צייט וואס איר האט איינגעגעבן אייער קלעים. אבער, אין עטליכע פעלער, מוזן מיר באקומען מער אינפארמאציע איידער א באצאלונג קען ווערן געמאכט און אייער ערשטע באצאלונג קען נעמען לענגער. אויב די צייט איז נאכנישט אויסגעלאפן, ביטעווארט ווייטער פאר די איבערזיכט פראצעדור צו ווערן פארענדיגט. אויך, די קלעימענט אדוואקאט אפיס איז אפגעזינדערט פון די טעלעפאן קלעימס צענטער.* אדוואקאטן קענען נישט פראצעסירן קלעימס, מאכן באשטימונגען אדער פארשנעלערן א קלעים.

- איר ווילט אן אפדעיט אויפ'ן סטאטוס פון אייער נייע אדער עקזיסטירנדע קלעים
- איר האט א ספעציפישע פראגע וועגן אייער קלעים אדער וועכנטליכע בענעפיטן
- איר זענט אנגעזאגט געווארן זיך צו פארבינדן מיט די טעלעפאן קלעימס צענטער

## פארבינדט זיך מיטן קלעימענט אדוואקאט אפיס

**שעות פון אפעראציע**: מאנטאג - פרייטאג, 9 צופרי ביז 4 נאכמיטאג.
**רופט טאל-פריי: 855-528-5618**

סערוויסעס זענען אוועילעבל אין ארום 200 שפראכן אויפ'ן טעלעפאן.

ווען איר רופט, ביטע האט:

- אייער סאושעל סעקיוריטי נומער
- א ליסטע פון פראגעס, און
- סיי וועלכע פארבינדע דאקומענטן

איר קענט אויך שיקן א פאריכערטע מעסעדזש (נאר ענגליש): לאג אריין צו **www.labor.ny.gov/signin**. אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס." (Go to My Inbox) און וועלט אויס "שרייב נייע" (Compose New). דרוקט "UI קלעימענט אדוואקעיט אפיס" (UI Claimant Advocate Office) פארן טעמע.

**אונזער אפיס שטאב זענען נישט קיין אדוואקאטן און קענען אייך נישט רעפרעזענטירן ביי א הירינג.** אויב איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן אן אדוואקאט אדער אן אויטאריזירטער פארטרעטער, קענט איר מעגליך באקומען אומזיסטע פארטרעטונג פון א אומזיסטן אדוואקאט אדער לעגאלע סערוויסעס פראגראם. פאר א ליסטע פון געזעצליכע ריסאורסעס, אריינגערעכנט אדוואקאטן, אויטאריזירטע פארטרעטער, לעגאלע סערוויסעס פראגראמען און אומזיסטע אדוואקאטן ארגאניזאציעס, גייט צו די אנעמפלוימענט אינשורענס אפיעל באורד וועבזייטל ביי **uiappeals.ny.gov**. וועלט אויס די "הילפבארע אינפארמאציע" (Helpful Information) טעב און דאן קליקט אויף "וועגווייזערס און הילפסמיטלען" (Guides and Resources). וועלט אויס די "ליסטע פון אדוואקאטן און באפולמעכטיגטע אגענטן" (List of Attorneys & Authorized Agents). איר קענט אויך בעטן דעם ליסטע דורך רופן **518-402-0205**.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 14 ביילאגע II: שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש

לאג'ט אריין צו אייער אקאונט מיט אייער NY.Gov ID אויף **labor.ny.gov/signin**. אויב איר האט נאכנישט אן אקאונט, זענען דא אנווייזונגען עס צו מאכן אויף אונזער וועבזייטל אויף **labor.ny.gov/signin**.  אויב איר האט שוועריקייטן שאפן א NY.gov ID, ביטע זעט די אילוסטרירטע אנווייזונגען אויף די סיין-אין בלאט, קוקט איבער די אפט געפרעגטע פראגעס, אדער רופט **800-833-3000** מאנטאג ביז פרייטאג, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג.

איינמאל איר האט זיך אריינגעשריבן, אויף די מיין אנליין סערוויסעס (My Online Services) בלאט, אין די מעסעדזשעס (Messages) אפטיילונג, קליקט אויף "גיי צו מיין אינבאקס" (Go to My Inbox) און וועלט אויס "שרייב נייע" (Compose New).

איר וועט יעצט דארפן אויסוועלן א טעמע. קליק'ט אויף די צייכן נעבן דאסווארט "טעמע" (Subject) צו זען א ליסטע פון טעמעס. קליק'ט אויף די טעמע וואס פאסט די בעסטע צו אייער פראגע. ווען איר טוט דאס, קומט ארויף א צווייטע רייע טעמעס. נאכאמאל, וועלט אויס די צווייטע טעמע וואס פאסט די בעסטע צו אייער פראגע. דאס וועט פארזיכערן אז אייער מעסעדזש ווערט געשיקט צו די ריכטיגע שטאב מיטגליד.

פאר מער אינפארמאציע, זעהט אונזער "וויאזוי צו שיקן א פארזיכערטע מעסעדזש" פאקט בלאט (P837), אוועילעבל אויף dol.**ny.gov/forms-and-publications**.

פאר אנווייזונגען איבער וויאזוי צו שיקן ספעציפישע סארטן פארזיכערטע מעסעדזשעס, זעט די "פארבינדט זיך מיט אונז" אפטיילונג אנהויב פון דעם וועגווייזער.

***דיסקלעימער:** אין צוגאב צו רעקארדירטע טעלעפאן קאלס, קענען מעסעדזשעס וואס איר שיקט אדער באקומט דורך פארזיכערטע מעסעדזשעס ווערן גענוצט אלס באווייז אין צוקונפטיגע הירינגס.

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124.  TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

# 15 ביילאגע III: אנליין פיילינגס טערמינען און באדינגונגען

ווען איר נוצט אנליין סערוויסעס איינצוגעבן אייער קלעים, מוזט איר צושטימען צו די פאלגנדע תנאים און באדינגונגען:

| | |
|---|---|
| **שטעלט צו גענצליכע און פונקטליכע אינפארמאציע** | • אויב איר געבט אונז אומפארענדיגטע אדער נישט ריכטיגע אינפארמאציע, קען אייער קלעים און סיי וועלכע באצאלונגען עס קומט זיך אייך ווערן געשפעטיגט.<br>• **אויב איר געבט אונז פאלשע אינפארמאציע אדער האלט צוריק אינפארמאציע, וועלן אייער צוקונפטיגע בענעפיטן ווערן פארלוירן אדער פארמינערט און איר קענט זיין אויסגעשטעלט צו אנדערע ערנסטע שטראפן אריינגערעכנט די מעגליכקייט פון געריכטליכע אנקלאגע.** |
| **געבט אריין אייער קלעים** | איינמאל איר הויבט אן אן אפליקאציע, רוקט זיך אלעמאל ווייטער ביז איר האט געענדיגט.<br>איר וועט פארלירן אינפארמאציע אויב איר טוט איינער פון די פאלגנדע פאר איר געבט אריין אייער קלעים:<br>• פארמאכט דעם אפליקאציע<br>• פארלירט אייער אינטערנעט פארבינדונג<br>• נוצט אייער בראוזער'ס "צוריק" (back) קנעפל<br>איר קענט איבערקוקן, טוישן אדער פרינט'ן אייער ענטפער אין די "איבערזיכט פון אפליקאציע ענטפערס" (Review of Application Responses) אפטיילונג.<br>ווען איר ענדיגט, וועלט אויס די "געבט אריין קלעים" (Submit Claim) קנעפל. |
| **האלט אייער קאנטאקט אינפארמאציע דערהיינטיגט** | דורך זיך איינשרייבן פאר אן אנליין אקאונט, שטימט איר צו צו האלטן די קאנטאקט אינפארמאציע וואס איר האט אונז געגעבן דערהיינטיגט. דאס שליסט איין אייער **פאסט אדרעס** (פארלאנגט) און **אימעיל אדרעס** (פארלאנגט). אויב אייער קאנטאקט אינפארמאציע טוישט זיך, שטימט איר צו צו דערהיינטיגן די אינפארמאציע פאר אונזערע רעקארדס. |
| **ענטפערט צו אלע דעפארטמענט פארלאנגען** | איר שטימט צו צו באקוקן און ענטפערן מעסעדזשעס און פראגע בויגנס וואס מיר שיקן אייך דורך די NY.gov פארזיכערטע מעסעדזש סיסטעם און אלע מעסעדזשעס, בויגנס, און בריוון וואס מיר שיקן אייך אויף פאסט. איר מוזט ענטפערן אינערהאלב די צייט אפשניט אויסגערעכנט אין די דאקומענטן.<br>איר באשטעטיגט און פארשטייט אז אויב איר פארפעלט צו:<br>• האלטן אייער קאנטאקט אינפארמאציע דערהיינטיגט<br>• באקוקן אייער NY.gov פארזיכערטע מעסעדזש אינבאקס, אדער<br>• ענטפערן אונזער קאמיוניקאציעס אינערהאלב די צייט אפשניטן אויסגערעכנט אויף די דאקומענטן<br>קענען אייער בענעפיטן ווערן געשפעטיגט, סוספענדירט אדער אפגעזאגט. |

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף (800) 662-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

| | |
|---|---|
| **האלט וויכטיגע קלעים אינפארמאציע** | נאך איר געבט איין אייער קלעים, וועט איר זען א "**באשטעטיגונג בלאט**" וואס רעכנט אויס נאך אינפארמאציע און אנווייזונגען.<br>• פרינט אדער שרייבט אראפ די אינפארמאציע אויף יענע בלאט פאר שפעטערדיגע רעפערענץ<br>• אויב איר פאלגט נישט אויס די אנווייזונגען קענען אייערע באצאלונגען ווערן געשפעטיגט אדער פארלוירן<br>אויב איר ווילט האלטן א קאפיע פון אייער גאנצע אפליקאציע, קענט איר פרינט'ן יעדע בלאט פון די "איבערזיכט פון אפליקאציע ענטפערס" (Review of Application Responses) אפטיילונג. |
| **דירעקטע דעפאזיט איסוואל** | • פרינט אדער שרייבט אראפ די "דירעקט דעפאזיט אינפארמאציע איבערזיכט" (Direct Deposit Information Review) בלאט אינפארמאציע פאר איר געבט אריין אייער דירעקט דעפאזיט אינפארמאציע.<br>• דאס וועט זיין אייער איינציגסטע באווייז פון די אקאונט אינפארמאציע וואס איר האט צוגעשטעלט. |
| **רופט אויב אנגעזאגט** | נישט אלע אפליקאציעס קענען געמאכט ווערן אנליין. אויב איר זעהט א באשטעטיגונג בלאט וואס זאגט אז איר מוזט רעדן מיט א קלעימס ספעציאליסט צו פארענדיגן אייער אפליקאציע פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן, מוזט איר רופן די **טעלעפאן קלעימס צענטער**. די אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו אנליין וועט ווערן אפגעהיטן. **אבער, אייער קלעים וועט נישט פראצעסירט ווערן ביז איר רופט.** |
| **האלט אייער PIN פארזיכערט** | *****געבט קיינמאל נישט ארויס אייער PIN (פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער)*****<br>ווען איר געבט איין א קלעים, וועט איר ווערן געבעטן צו מאכן א PIN. אייער PIN איז אייער עלעקטראנישע אונטערשריפט.<br>איר וועט נוצן אייער PIN יעדעס מאל איר באנוצט זיך מיט די קלעים פראסעסינג סיסטעם. איר קענט **פארלירן ביז 20 וואכן** פון בענעפיטן אויב איר ערלויבט א צווייטן צו נוצן אייער PIN.<br>אויב איר זענט א מענטש מיט א דיסאביליטי וואס קען נישט האבן צוטריט צו אונזער סערוויסעס אן די הילף פון אן אנדערע מענטש, קענט איר ערלויבן אן אנדערע מענטש אייך צו ארויסהעלפן. אבער, איר מוזט זיין אנוועזנד יעדעס מאל אייער העלפער נוצט אונזער סערוויסעס, אריינגערעכנט ווען אייער העלפער לייגט אריין אייער PIN. איר זענט פאראנטווארטליך פאר די שריט פון אייער העלפער. איר קענט זיין אויסגעשטעלט צו שטראפן, אריינגערעכנדיג פארלוסט פון בענעפיטן, אויב איר זענט נישט אנוועזנד ווען אייער העלפער האט צוטריט צו אונזער סערוויסעס.<br>באמערקונג: קלעימענטס ווערן נישט פארלאנגט צו נוצן א העלפער פאר סיי וועלכע סערוויסעס דורך די דעפארטמענט אוו לעיבאר, אריינגערעכנט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס. איר קענט באקומען דאלמעטשונג סערוויסעס פריי פון אפצאל. |

*זיך צו פארבינדן מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער, ביטע רופט 888-209-8124. TTY/TDD באנוצערס: רופט א רילעי אפערעיטאר אויף 662-1220 (800) און בעט דעם אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370. פאר ווידיא אדער אנדערע סארט רילעי סערוויס באנוצערס רופט אייער רילעי אפערעיטאר און בעט דעם רילעי אפערעיטאר צו רופן 888-783-1370.

**9 זאכן וואס איר מוזט טון ווען איר געבט זיך איין פאר ארבעטסלאזיקייט בענעפיטן**

1. **באריכט אלע שעות וואס איר ארבעט.** איר מוזט באריכטן סיי וועלכע שעות וואס איר ארבעט ווען איר קלעימ'ט אייער וועכנטליכע UI בענעפיטן. דאס שליסט איין פארט-טיים, צייטווייליגע אדער נישט באצאלטע ארבעט.
2. **זייט קלאר און דייטליך.** לייענט פארזיכטיג אלע בריוון וואס די דעפארטמענט אוו לעיבאר שיקט אייך. פאלגט אויס די אנווייזונגען און שיקט צוריק אלע בויגנס ווי שנעלער. דאס וועט העלפן פארמיידן פארשפעטונגען פון UI באצאלונגען.
3. **זייט אוועילעבל צו ארבעטן.** איר מוזט גלייך זיין אוועילעבל צו נעמען אן ארבעט. יעדע וואך, מוזט איר באשטעטיגן אז איר זענט געווען גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן.
4. **זוכט פאר ארבעט.** איר מוזט זוכן ארבעט יעדע וואך און האלטן שריפטליכע רעקארדס פון יעדע ארבעטסגעבער מיט וואס איר פארבינדט זיך. זעהט ***"וואס ווערט באטראכט ווי סיסטעמאטישע און אנהאלטנדע השתדלות צו געפינען ארבעט" אין קאפיטל 7*** אדער גייט צו **dol.ny.gov/work-search-frequently-asked-questions** צו זעהן ארבעט זוך אקטיוויטעטן וואס איר זענט פארלאנגט צו טוען יעדע וואך.
